STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04112

A HOYDESH IN YISROEL

Aleksander Shapiro

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ חודש אין ישראל

One Month In Israel

(With the First Histadrut Folk-Delegation)

By

ALEXANDER SHAPIRO

Published by:

NATIONAL COMMITTEE FOR LABOR ISRAEL

NEW YORK

1950

אַ באַזוך אין ישראל

מיט דער ערשטער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע

פון אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ



אַרויסגעגעבן פון

געווערקשאַפטן קאַמפּיין פאַר אַרבעטנדיקן ישראל

ניו יאָרק 1950

Copyright 1950 *by*
NATIONAL COMMITTEE FOR LABOR ISRAEL
New York, N. Y.

Printed in the United States of America by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
253

אינהאַלט

פאָרוואָרט .... אייזיק העמלין 7
במקום הקדמה .... י. סטאָלאַרסקי 9
ביאָגראַפיע פון אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ........ 13
דער ערשטער קבלת פנים........ 19
מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות........ 28
אין ירושלים........ 35
בית החלוצות — קרית ענבים — עין השופט........ 44
עין־חרוד — תל־יוסף........ 50
אפיקים — טבריה — דגניה........ 55
די גלילס און עמק הירדן........ 58
כפר בלום — כפר גלעדי — צפת........ 62
נהריה — קרית־חיים — חיפה........ 70
פרדס חנה........ 84
רמת־הכובש — נהלל — נצרת........ 87
נגבה — באר־שבע........ 92
גבעת ברענער........ 97
אויפנאַמעביים עקטינג־פּרעזידענט פון ישראל, יוסף שפּרינצאַק........ 110
ביי גאָלדע מאירסאָן........ 105
בית בערל — בית פיינסטאָון........ 108
אַ שמועס מיטן פינאַנס־מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן........ 113
בנק הפועלים........ 118
דער פאַר־געזונט אָוונט אין בית־ספר לפעילי ההסתדרות........ 121
די געזעגענונגס־פאַרזאַמלונג אין בית־ספר........ 122
רעדע פון א. לעווינסאָן........ 123
רעדע פון יוסף שפּרינצאַק........ 124
רעדע פון דוד בן־גוריון........ 126
רעדע פון דוד רמז........ 128
רעדע פון פּנחס לוביאַניקער........ 129
רעדע פון ז. אַראַנאָוויטש........ 130
רעדע פון י. באַראַץ........ 131
ל ו ד........ 133
די פּרעסע אין ישראל וועגן דער דעלעגאַציע........ 139

פאָרוואָרט

פון אייזיק העמלין

נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון הסתדרות קאַמפּיין

מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן האָב איך אָנגענומען די איינלאַדונג צו שרייבן אַן אַריינפיר וואָרט צו די אַרטיקלען פון מיין פריינט אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ. קודם כל צוליב דעם ערנסט און אויפריכטיקייט מיט וועלכער חבר שאַפּיראָ שילדערט זיינע רייזע־איינדרוקן פון ישראל. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך די בענקשאַפט און די טיפע נשמה איבערלעבונג וועלכע יעדער באַוואוסטזיניקער איד מאַכט דורך בעת ער שפּאַצירט אויף די וועגן פון אונזער מדינה. צוגלייך דערמיט דערזעט איר פאַר זיך די וואונדערלעכסטע דערשיינונג פון אונזער צייט; די ווידער־געבורט פון אַ פאָלק, דער אויפשטייג פון אַ נייעם געזונטן דור, די טראַנספאָרמאַציע פון נעכטיקע וואַנדערער אין שטאָלצע בירגער, די ברויזנדע, שעפערישע אַרבעט, וועלכע פאַרוואַנדלט מדבריות און

א. העמלין

זאַמדן אין בליענדע פעלדער און אין וואַקסנדע שטעט. אַלץ רייסט זיך צום לעבן. אַלץ באַוועגט זיך פאָראויס. פאָראויס צו פרייהייט און צו אומאָפּהענגיקייט. ווי גליקלעך איז מען ווען מען קען דאָס אַלץ דורכלעבן, מיטפילן — און מיטזינגען.

די אַרטיקלען פון פריינט שאַפּירא האָבן אָבער נאָך אַ וויכטיקע באַדייטונג. דער מחבר האָט אין די יונגע יאָרן דורכגעמאַכט דעם שיקזאַל פון הונדערטער טויזנטער אידן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן דעם צאַרישן רוסלאַנד און געמאַכט אַמעריקע פאַר זייער היים. דער וועג איז געווען שווער און פול מיט דערנער. דאָך זענען אונזערע ברידער אַריינגעדרונגען אין דעםווירטשאַפט־לעכן לעבן פון לאַנד און האָבן אָנגעהויבן קלעטערן צו אַ לעבן פון וואויל־

זיין, רייכטום און באַקוועמלעכקייט. קלעטערנדיק אַלץ העכער און העכער, האָבן אַ סך פון זיי אַוועקגעוואָרפן זייער שפּראַך, קולטור און זייערע אַלטע אידעאַלן. עס זענען אָבער געבליבן געציילטע וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן זייער אמונה אין אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט. חבר שאַפּירא איז איינער פון אָט די געציילטע, וועלכער האָט פאַרגעזעצט זיין קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און האָט געפונען אין דער הסתדרות די פאַרקערפּערונג פון זיינע יוגנט־חלומות און די אַספּיראַציעס פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג. פאַרנדיק איבער ישראל האָט ער געזען מיט די אייגענע אויגן ווי אָט די אידייען באַקומען הויט און ביינער און ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער ווירקלעכקייט. דערפאַר שפּראָצן אַרויס פון די שורות די געפילן פון פרייד, באַגייסטערונג, און זעלישע דערהויבונג.

נאָך אַ מוסר השכל קען מען ציען בעת מען לייענט די אַרטיקלען. עס פאַרן איצט טוריסטן קיין ישראל. מען איז עולה רגל. געבענטשט זאָלן זיין אַלע אידן וואָס באַטרעטן דעם באָדן פון אונזער פאָטערלאַנד. קומענדיק צוריק פון אָט די באַזוכן דערוועקט זיך ביי מאַנכע די טבע פון אַמאַליקע מרגלים. ניט יעדערער קען פילן די חבלי לידה פון ווידערגעבורט. שושקעט מען אייך אַריין אין אויער און צייטנווייז אויפן קול אַז „די רעגירונג לאָזט ניט צו קיין פּריוואַטן קאַפּיטאַל, די הסתדרות וויל אַלץ פאַרכאַפּן און מאָנאָפּאָליזירן. מען צווינגט אַרויף אויף אייך שותפות צוזאַמען מיט גרויסע שטייערן", און אָט קומט אַ איד פון אַמעריקע, אַ איד אַ ערפאָלגרייכער געשעפטסמאַן, קוקט זיך גוט צו און זעט אַז די אַלע „פאַקטן" שטימען גאָרנישט מיט דער ווירקלעכקייט און אַז יעדער איד וואָס באַגעגנט אייך אין לאַנד גיט אייך אַ האַרציקן ברוך הבא און לאַדט אייך איין צו קומען און מיטבויען. יעדערער איז ווילקאָמען! ווער עס וויל זאָל קומען און צולייגן אַ האַנט און אַן אַקסל. ווער עס מיינט ערנסט צו באַטייליקן זיך אין בנין הארץ, זאָל טאַקע נעמען אַ ביישפּיל פון אָט דער הסתדרות וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע שוועריקייטן, איניציאירט נייע פּלענער און בויט אָן אויפהער די אַרבעטנדע געזעלשאַפט אין ישראל.

זאָלן דעריבער אָט די אַרטיקלען געלייענט און פאַרשפּרייט ווערן. זאָלן זיי אינספּירירן וואָס מער אידן צו פאָרן און זען דאָס לאַנד מיט זייערע אויגן. זאָלן זיי אויך פאַרשטאַרקן אונזער אינטערעס און ממשותדיקן אנטייל אין דער אַרבעט כדי מדינת ישראל זאָל כסדר וואַקסן און זאָל ווערן אַ ליכט־טורם פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל.

במקום הקדמה

פון י. סטאָלאַרסקי

נאַציאָנאַלער געהילפס סעקרעטאַר

זייט אידן האָבן פאַרלאָרן זייער זעלבסטשטענדיקייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער שבע ימים, איז ביי זיי שטענדיק געווען דער דראַנג, גיין נאָך ציון. מיר געפינען אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור אַ סך מאַטעריאַל וואָס גיבן אַן אויסדרוק אָט די שטרעבונגען — פון עולי־רגל אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט, באַ־שרייבונגען, וואָס דריקן אויס די בענקשאַפט צום אַלטן היימלאַנד.



י. סטאָלאַרסקי

דאָס אידישע פאָלק האָט פּאַק־טיש נישט איבערגעריסן זיין דראַנג און בענקשאַפט צו ארץ־ישראל פאַר די בערך צוויי טויזנט יאָר פון אונ־זער גלות־געשיכטע, מיטן אויסנאָם אפשר פון די יאָרן פון די קרייץ־צוגן. שטענדיק זיינען אידן אַהין געגאַנגען, סיי כדי זיך דאָרט צו באַזעצן, אפילו ביי די ערגסטע באַדינגונגען, סיי אַזוי צו זאָגן, בלויז עולה רגל זיין.

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַהין אַ שטראָם פון טוריסטן פון מאָ־דערנע עולי־רגל. סיי אידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס זיינען נישט געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג פון מאָדערנעם שיבת ציון, סיי חברים, וואָס האָבן אַ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל און האָבן דערלעבט, אַז זייערע אידעאַלן זאָלן ביי זייער לעבן פאַרווירקלעכט ווערן, האָבן זיך געריסן און רייסן זיך אַהין יעדן טאָג פון יאָר, כדי מיט זייערע אייגענע אויגן זען אַלץ, וואָס חלוצישע דורות האָבן באַוויזן צו שאַפן במשך פון די לעצטע 40—50 יאָר.

אידן זיינען אָבער בטבע אַ פאָלק פון קריטיקער. אַזוי שנעל ווי די גע־פילן פון בענקשאַפט זיינען איינגעשטילט געוואָרן, זיינען אַ טייל פון די מאָ־דערנע עולי־רגל געוואָרן קריטיש כמעט צו אַלץ וואָס זיי האָבן דאָרט געזען.

זיכער איז אויך דאָ וואָס צו קריטיקירן. בפרט, ווען מ׳קומט פון אַזאַ רייכער מדינה ווי אונזער לאַנד אַמעריקע, מיט די אַמעריקאַנער באַקוועמלעכקייטן, מיט דער גוואַלטיקער אַנטוויקלונג פון טעכניק, א. א. וו. אַ טייל פון אַלטע חברים ווידער האָבן זיך געפונען געטראָפן פון דעם אָפטמאָל נישט וואַרעמען קבלת פנים וואָס זיי האָבן באַקומען, פאַרוואָס זיי זיינען נישט אויפגענומען געוואָרן פון די מיניסטאָרן און ראשי המלכות. סטייטש, ערשט נעכטן זיינען מיר געזעסן צוזאַמען מיט זיי אויף מיטינגען, באַנקעטן. דער אָדער יענער מיניסטער איז דאָך געווען זיין גאַסט אין ניו יאָרק אָדער שיקאַגאָ.

מען האָט זיך שנעל פאַרגעסן, אַז מדינת ישראל איז ערשט אַ ניי־געבוירן קינד, נאָך צוויי טויזנט יאָר פון מלוכה׳לאָזיקייט, און די מענשן, פון וועמען מען האָט דערוואַרט, אפשר מיט רעכט, אַ וואַרעמען קבלת פנים, פירן היינט מיט דער מדינה, מיט דער הסתדרות און האָבן צו לייזן טאָג־טעגלעך שווערע, האַרטע פּראָבלעמען.

די לייטונג פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין אין אַמעריקע, וועלנדיק אַריינ־ברענגען אַביסל אָרדנונג אין דער אומאָרגאַניזירטער יחידישער טוריסטיק, וועלנדיק אויך דערמעגלעכן אַקטיווע קאַמפּיין טוער צו באַזוכן מדינת ישראל פאַר צוגענגלעכע פרייזן, און דער עיקר — געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו זען אַלץ, צו פאָרן איבער דער לענג און דער ברייט פון לאַנד און אַזוי אַרום ברענגען דעם אמתן גרוס צו די אידישע אַרבעטער און פאָלקס מאַסן אין אַמעריקע, האָט פאַריקן יאָר אָרגאַניזירט אַ פאָלקס דעלעגאַציע פון אַקטיווע קאַמפּיין טוערס קיין ישראל.

זייער קומען האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקע באַגייסטערונג אין ישראל. מ׳האָט ניט געקוקט אויף זיי, ווי אויף אַמעריקאַנער אָלרייטניקעס, וואָס קרימען אויף אַלץ מיט דער נאָז, נאָר ווי אויף חברים, ברידער. די פּרעסע האָט זיי באַקרוינט מיטן נאָמען: משלחת של אנשים פשוטים — אַ דעלעגאַציע פון פשוטע מענשן.

יעדע אידייע, יעדער גוטער איינפאַל מוז אָבער האָבן זיינע פאַרווירק־לעכער, זיינע אויספירער. וואָלטן מיר באַגאַנגען אַן עוולה נישט צו דערמאָ־נען צוויי חברים וואָס אַ דאַנק זיי איז די אידייע פון אַ פאָלקס־דעלעגאַציע אַזוי גלענצנד דורכגעפירט געוואָרן. ראשית־כל ווילן מיר דערמאָנען דעם חבר אייב העמלין פון באָסטאָן, אַ לאַנג־יאָריקער טוער אין דער ציוניסטי־

שער אַרבעטער באַוועגונג און דירעקטאָר פון הסתדרות־קאַמפּיין אין באָסטאָן. ער האָט אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט האַרץ און נשמה, איניציאַטיוו און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ער האָט מער ווי אַנדערע קאַמפּיין־טוער און דירעקטאָרן פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון אַזאַ אונטערנעמונג. דערפאַר איז די באָסטאָנער דעלעגאַציע געווען אַזוי צאָלרייך פאַרטראָטן און גלענצנד דיסציפּלינירט.

און אחרון, אחרון חביב! — חבר יצחק פייגענבוים, דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון דער ערשטער פאָלקס־דעלעגאַציע. ער האָט דורכגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַלע חבלי־לידה פון דעם פּראָיעקט. ער האָט אָבער מיט זיין ברויזנדן, דינאַמישן טעמפּעראַמענט, מיט זיין אָפּטימיזם און גלויבן, מיט אַ שמייכל פאַרבייגעגאַנגען אַלע שוואַרצע נביאות פון די פּעסימיסטן, האָט דורכגעמאַכט אַלע שוועריקייטן, סיי פאַר און סיי בעת דער נסיעה און האָט גלענצנד פאַרענדיקט זיין שליחות.

ביידע חברים אַ האַרציקן יישר־כח!

איינער פון דער דעלעגאַציע איז דער שרייבער פון אָט דעם ביכל, וואָס ליגט פאַר אייך. חבר אַלעקס שאַפּירא איז אַן אַלטער, פאַרדינסטפולער טוער אין דער הסתדרות באַוועגונג אין באָסטאָן. ער האָט געווידמעט אַ לעבן לאַנג פאַר אַלץ וואָס ס׳האָט געהאַט צו טאָן מיט ארץ ישראל און אידישן לעבן אין אַמעריקע. ער האָט זיינע איינדרוקן געשריבן אויף דער הייסער מינוט און זיינע פריינט אין באָסטאָן האָבן אַן זיין וויסן פאַרעפנטלעכט די אַרטיקלען אין דער ניו ענגלאַנד אויסגאַבע פון „פאָרווערטס״. די בריוו זיינען לכתחילה נישט געשריבן געוואָרן מיט דער כונה צו פאַרעפנטלעכן. זיי האָבן דעריבער אַ באַזונדער ווערט. חבר שאַפּירא שילדערט אין אַ פּשוטער פאָלקסטימלעכער שפּראַך אָפנהאַרציק און אויפריכטיק וועגן אַלץ וואָס ער האָט געזען און געהערט בעת זיין באַזוך אין ישראל. מיר האָבן אים צוגערעדט, אַז ער זאָל דערלויבן אַרויסגעבן זיינע איינדרוקן אין אַ בוך־פאָרם, כדי אַ ברייטערער קרייז פון אונזערע פריינט און אַקטיווע טוער זאָלן קריגן אַ בילד פון דער לאַגע אין ישראל, געשריבן נישט דורך פּראָפעסיאָנעלע שרייבער אָדער טוער, נאָר פון אַ מענטשן פון דער שורה.

מיר זיינען זיכער, אַז די לייענער פון בוך וועלן האָבן אַ גייסטיקן פאַרגעניגן.

ביאָגראַפיע פון אַלעקסאַנדער שאפּירא

הבר אַלעקסאַנדער שאפּירא איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד ביי אָרעמע עלטערן, וועלכע זיינען געווען פּאַכטערס אין אַ דאָרף. זיין פאָטער איז געשטאָרבן יונג צוליב גרויס עגמת נפש וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אים צוזאַמען מיט אַנדערע אידן אַרויסגעטריבן פון דאָרף. פון זיין יוגנט אָן האָט ער שוין געמוזט אַרבעטן כדי צו דערנערן און אַרויסהעלפן זיין מוטער, וואָס איז געבליבן מיט אַ גרויסער פאַמיליע.

אַלעקסאַנדער שאפּירא

צו 18 יאָר ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער בונדיסטישער באַוועגונג און ווערט אַן אַגיטאַטאָר צווישן די אַנטשטאַנענע אידישע גרופּן אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דער קישענעווער פּאָגראָם מאַכט אויף אים אַ זייער שווערן איינדרוק און ער הויבט אָן צו רעווידירן זיין באַציִאונג צום בונדיזם און הויבט זיך אָן צו פאַראינטערעסירן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין מאַי, 1904, קומט ער קיין באָסטאָן. אין אָקטאָבער, 1905, האָט ער חתונה און באַזעצט זיך אין טשעלסי, אַ שטעטל נעבן באָסטאָן. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און אין ברענטש 4 פון אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג. אין דיביידע אָרגאַניזאַציעס פאַרנעמט ער אַן אָנפירנדיקן אַמט און איז זייער אַקטיוו.

שפּעטער עפנט ער, מיט זיין ברודער מאָריס, אַ שאַפּ פון רעגן־מאַנטלען, און נישט געקוקט וואָס אין די ערשטע יאָרן האָט ער זיך געמוזט ראַנגלען פאַר עקזיסטענץ, האָט ער שטענדיק געפונען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכע

אַרבעטן און אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער באַוועגונג צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע. ער ווערט זייער טעטיק אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג, און ווען דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין איז עטאַבלירט געוואָרן אין באָסטאָן, האָט ער מיט זיין ברודער זיך שטאַרק אַקטיוויזירט און זיי האָבן געהאָלפן צו ברענגען די געווערקשאַפטן קאַמפּיין באַוועגונג צו דעם איצטיקן מצב און גרויסן פּרעסטיזש.

אַ דאַנק אים גרופּירט די הסתדרות באַוועגונג אין גרייטער באָסטאָן נישט נאָר די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. זיי האָבן אויך צוגעצויגן אַ סך הונדערטער גרעסערע און קלענערע אידישע געשעפטסלייט.

פאַר דער צייט פון זיין אַקטיוויטעט אין הסתדרות קאַמפּיין האָט ער פאַרנומען פאַרשידענע אַמטן. פאַר די לעצטע פאַר יאָר איז ער פּאָרזיצער פון גרייטער באָסטאָן קאַמפּיין. ער איז אויך דער פּאָרזיצער פון אידישן קולטור־קלוב און קאַסירער פון לאָקאַלן אידישן קולטור־קאָנגרעס.

אין 1937 האָט ער צום ערשטן מאָל באַזוכט ישראל — אין די צייטן פון די אַראַבישע אומרוען — און אים האָט שוין דאַן אימפּאָנירט די פאַר־צווייגטע אַרבעט פון דער הסתדרות און די מסירת נפש פון די חלוצים. ער האָט זיך דאַן מיט זיינע איינדרוקן געטיילט מיט די חברים אין באָסטאָן און האָט פאָרויסגעזען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג וואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה.

אים האָט שטאַרק פאַרכאַפּט דער געדאַנק פון שיקן אַ דעלעגאַציע פון הסתדרות עסקנים קיין ישראל, און אין אַ גרויסער מאָס איז עס צוליב זיין עקשנות צושטאַנד געקומען. זיין באַגייסטערונג פון דער איצטיקער רייזע טיילט ער זיך מיט די לעזער פון זיין בוך, „אַ חודש אין ישראל״.

ערשטע הסתדרות פֿאָלקס־דעלעגאַציע קיין ישראל. בילד גענומען פֿאַרן אַרויספֿאָרן פֿון דער דעלעגאַציע שבת, דעם 6טן אויגוסט, 1949, אין האָטעל קאָמאָדאָר, ניו יאָרק.

מיטגלידער פון באָסטאָנער הסתדרות־דעלעגאַציע קיין ישראל. — זיצנדיק פון רעכטס צו לינקס: אהרן מאָלדאָוו, פעני מאָלדאָוו, דוד שאַ־פּיראָ, בעסי לאַנדי, אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, אייזיק העמלין און מרס. חיים סילווערמאַן. — שטייענדיק: אב. העמלין, דר. לואיס סילווער, בעסי אַלבערט, סעמיועל אַלבערט, אידיט ענטין, דאָראַ קאַטץ, בעלאַ פיליפּס און חיים סילווערמאַן (פּאָלי שאַפּיראָ, איינע פון דער דעלע־גאַציע, פעלט אויס אויפן בילד). אייזיק העמלין, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין און אב. העמלין, ניו ענגלאַנד הסתדרות־דירעקטאָר, האָבן באַגלייט די דעלעגאַציע.

ביים געזעגענונגס־אָוונט פון דער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע שבת, דעם 6טן אויגוסט, 1949, אין האָטעל קאָמאָדאָר, ניו יאָרק.

דער ערשטער קבלת פנים

איך שרייב די ווערטער אונטער דעם ערשטן איינדרוק פון אונזער אָנקו־מען קיין לוד און תל אביב. מיין שפּראַך איז צו אָרים און איך האָב נישט גענוג ווערטער אויסצודריקן די אומרואיקייט און ציטער, וואָס די אַלע 54 דעלעגאַטן האָבן דורכגעלעבט היינט פרי, ווען אונזער עראָפּלאַן האָט זיך גע־נומען דערנענטערן צו דער ישראל־ערד.

פון רוים זיינען מיר אָפּגעפאָרן נעכטן, דינסטאָג אָוונט, נאָך 11 אַזייגער, נאָך דעם ווי מיר זיינען כמעט א גאַנצן טאָג אַרומגעפאָרן מיט באָסעס און באַ־קוקט די שטאָט מיט אירע אַלע הייליקטימער, די שטאָט פון וואַנען עס הערשט דער קאַטאָליציזם אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען זייער אַ הייסער טאָג און מיר אַלע האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרפעלן צו זען דעם סט. פּיטער׳ס קאַטעדראַל, דער גרעסטער און שענסטער קאַטעדראַל אין דער וועלט און נאָך אַ סך היסטאָרישע זאַכן, וואָס נאָר אין רוים קען מען עס זען.

ביים איינשטייגן אין דעם עראָפּלאַן זונטיק, דעם 7טן אויגוסט, 1949, אויף דעם נואַרק עירפּאָרט. פון לינקס צו רעכטס : אייזיק העמלין, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר ; יצחק פייגענ־בוים, אָנפירער פון דער דעלעגאַציע ; דר. נ. זאַלצמאַן, פּאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע ; אייב העמלין, דירעקטאָר פון באָסטאָן הסתדרות קאַמפּיין ; דר. ה. פּאָמעראַנץ, פּאָרזיצער פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע ; אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, טרעזשורער ; ב. וואָלסקי און דער קאַפּיטאַן פון טראַנס־קאַריביען עראָפּלאַן.

פונקט 10 אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צום פּלי־פעלד, וואו אונזער עראָפּלאַן האָט געוואַרט אונז צו נעמען אויף דעם לעצטן טייל פון דער 45 הונדערט מייל רייזע קיין ישראל.

נאָך דעם ווי די איטאַליענישע אימיגראַציע־באַאַמטע האָבן נאָכ־קאָנטראָלירט אונזערע פּאַספּאָרטן האָבן מיר איינגעשטיגן אין דעם אייזערנעם פויגל, וואָס האָט אונז אויף זיינע אייזערנע פליגלען אַוועקגעטראָגן פון אונ־זער אַמעריקאַנער היים און אונז געבראַכט אזוי נאָענט צו דער היים פון אידישן פאָלק.

ביים אַריינגאַנג אין דער ישראל אַמבאַסאַדע אין רוים. אַמבאַסאַדאָר שלמה גענאָסאַר (ש. גינסבורג) איז מקבל־פּנים די געסט.

די רייזע פון רוים ביז לוד, ישראל, האָט מען אונז געזאָגט, געדויערט אומגעפער 6 שטונדן, אַזוי, אַז מיר האָבן באַדאַרפט אָנקומען אַרום 7 אַזייגער אין דער פרי, ישראל צייט.

אַרום 4 אַזייגער האָט די זון גענומען אויפגיין. דער עראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן איבער די וואָלקנס, האָט זיך געגליטשט שטיל, אפילו אָן אַ שאָקל אונטער דעם בלויען הימל, וואָס איז געווען באַפאַרבט צונטער רויט אין מזרח זייט, און האָט געוואָרפן אַ פּיאָלעט־שיין דורך די קליינע פענסטער פון עראָפּלאַן.



דער ארון־קודש אין דער הויפּט־סינאַגאָגע טעמפּעל איזראַעליטא אין רוים.

אַלע זיינען שוין געווען וואַך, און פּרובירט דורך די קליינע פענסטער זוכן מיט די אויגן ערגעץ אַ סימן פון לאַנד ישראל.

אַלע זיינען געווען אָנגעצויגן מיט אַ ציטער אין האַרצן פול מיט נייגעריקע דערוואַרטונגען. דערווייל אָבער האָט מען דורך די פענסטערלעך קיין זאַך ניט געזען, בלויז בערג מיט ווייסע וואָלקנס אין פאַרשידענע גראָטעסקע פאָרמען און אַ בלויען הימל אָן אַ שפּרינקעלע פון אַ וואָלקן.



אויסערלעכער אויסזען פון דער הויפּט־סינאַגאָגע אין רוים.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר דערפילט, אַז מיר זיינען אויף דער ערד, אויף דער ערד, וואָס ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן די אידן דורך גרויסן העראָאיזם און אַ סך

ביים אָנקומען אין עירפּאָרט, לוד, ווען מען גיט עפּעס צו עסן איידער מען פירט נאָך דורך די לאַנדונגס־פּאָרמאַליטעטן.



ביים אָנקומען אין לוד לופט־פעלד, וואו עס האָבן געוואַרט צו באַגריסן די ערשטע הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע, צוו. אַנד. : גרשון לעווינסאָן (ועד הפּועל פון דער הסתדרות) ; אורי מיכאלי (פאָרשטייער פון ישראל׳ס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום) ; ע. ברושי, הסתדרות טוריסט־דעפּאַרטמענט ; דב קופּאנס ; שלמה סלע (בית ספר) ; פאָרשטייער פון דער פּרעסע און די אָנפירער פון עירפּאָרט אין לוד.

קרבנות אַרויסגעריסן פון די הענט פון די ענגלענדער און פון די אַראַבער...

אָבער אָט האָט אַ שיין געטאָן די עלעקטרישע אויפשריפט, אַז מען זאָל זיך אַרומבינדן מיט די גאַרטלען — אַ סימן, אַז באַלד וועט דער עראָפּלאַן אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד. די לופט־שיף האָט גראַדנוויז גענומען אַראָפּנידערן און האָט דורכגעבראָכן די וואָלקנס און עס האָט זיך גענומען ווייזן לאַנד — לאַנד פון ישראל! פּלוצלונג האָט איינער אויסגעשריגן: „ארץ! מיר זיינען געקומען בשלום!" טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי אַ סך אין די אויגן.

דער לופט־פעלד אין לוד איז אַ גרויסער און קען באַדינען די גרעסטע לופט־שיפן. אַהער קומט אויסער די טראַנס־קאַראַביען „עיר פראַנס" אויך די אַמעריקאַנער „טי. דאַבעליו. עי." דאָס פלי־פעלד האָבן ענגלענדער געבויט און גרעסער געמאַכט אין צייט פון קריג. זיי האָט זיך זייער ניט געוואָלט, אַז דער פלי־פעלד זאָל אריינפאַלן צו די אידן, אָבער די אידן האָבן געשטורעמט לוד און האָבן די אַראַבער פון דאָרט פאַרטריבן.

די טיר פון עראָפּלאַן האָט זיך געעפנט. אַ פּאָר ישראל אימיגראַציע־באַאַמטע האָבן זיך באַוויזן געקליידט אין כאַקי. אַ מיידל אין דער גרופּע האָט אַנאָנסירט אין ענגליש:

"You are welcome to Israel. Please have your passports ready and forward them to the officer at the door."

מיר האָבן גענומען אַראָפּגיין צו דער געביידע פון „קאָסטאָם" אינספּעקציע, אָבער באַלד האָב איך דערהערט: „שלום, אַלעקס שאַפּיראָ", שלום, דוד שאַפּירא. דאָס האָבן געשריגן צו אונז סענדערסאָן און גלאַטשטיין, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרם פאַר באַזוכער און געוואַרט אויף אונזער אָנקומען.

די קאָנטראָל פון פּאַספּאָרטן, געזונטהייט־סערטיפיקאַטן און דאָס פאַרשרייבן פון אריינגעברענגטע געלטער און דאָס אויסבייטן אַמעריקאַנער דאָלאַרן אויף ישראל געלט, האָט גענומען אַ שטיקל צייט. אַלץ איז צוגעגאַנגען פּינקטלעך און אין אַ גוטער אָרדענונג, „בסדר", ווי מען רופט דאָס דאָ. מען האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז די אַלע באַאַמטע האָבן פריער געאַרבעט ביי די ענגלענדער און אַז זיי קענען זייער מלאכה.

סענדערסאָן האָט אונז ניט געלאָזט וואַרטן אויף די באָסעס וואָס זיינען געשטאַנען גרייט צו פירן די דעלעגאַציע פון לוד קיין תל־אָביב. נאָר ער האָט



אין הויף פון בית ספר לפעילי ההסתדרות אין תל־אביב.

מיך, פּאָלע׳ן און דוד׳ן אַריינגענומען אין אַ טעקסי, און אונז צוגעפירט צו דער הסתדרות (בית ספר לפעילי־ההסתדרות), וואו עס וועט זיין אונזער שטענדיקע קוואַרטיר פאַר דער צייט וואָס מיר וועלן זיך געפינען אין תל־אביב.

די דאָזיקע געביידע געפינט זיך אַ פּאָר מייל פון דער שטאָט און איז זייער אַן אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע, אויפגעבויט מיט די געלטער פון דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פון אַמעריקע. דאָ געפינען זיך איבער הונדערט לערער וואָס שטודירן און נעמען פאַרשיידענע קורסן ווי אַזוי צו לערנען און ערציען די יונגוואַרג פון די קיבוצים און קומענדע עולים, און זיי מאַכן פאַר נוצלעכע און קולטורעלע מענשן.

אונזער דעלעגאַציע האָט מען אַוועקגעגעבן אַ טייל פון דער געביידע. די „דאָרמיטאָריעס" זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר 4 פּערזאָן צו א צימער, אָבער די פון דער דעלעגאַציע, וואָס זיינען מיט פרויען, האָבן אַ גאַנצן צימער פאַר זיך. אַנדערע שטייען צו 4 אין אַ צימער.

כאָטש עס איז אין די צימערן ניטאָ קיין האָטעל־באַקוועמלעכקייטן,

ווי מיר זיינען געוואוינט צו געפינען, זיינען אָבער די צימערן זויבער און דורך קאָרידאָרן גייט מען אַריין אין די גרויסע וואַש־צימערן, וואָס האָבן שפּריצן און גאַנץ גוטע באַקוועמלעכקייטן פאַר „נאַטירלעכע פונקציעס".

אונטן געפינט זיך אַ גרויסער עס־צימער מיט אַ זייער מאָדערנע קיך, פאַרוואַלטונגס־צימערן און אַ שיינער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען. דער צוגאַנג צו דער געביידע, וואָס איז געבויט אין דער פאָרמע פון אַ חית, זעט אויס שיין מיט אַ גאַנץ פיינעם „לאָאַן" און בלומען.

עסן, עסן מיר אין דעם אַלגעמיינעם עס־צימער ביי גרויסע טישן. די שפּייז ווערט אַוועקגעשטעלט אין גרויסע פּאָרציעס אויף די טישן און יעדער העלפט זיך אַליין און עסט וויפיל ער וויל. די שפּייז באַשטייט מערסטנס פון מילכיקס, גרינסן און פיש, געמאַכט אויף אַ היימישן שטייגער און גאַנץ באַטעמ'ט.

אַזוי שנעל ווי מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אונזער לאָנטש, צעפּאַקט אונזער באַגאַזש און זיך אָפּגעוואַשן האָט מען אונזער גאַנצער דעלעגאַציע גע־

אַ באַזוך אין דער כנסת. חבר דב קופאנס גיט אויפקלערונגען וועגן דער אַרבעט פון ערשטן אידישן פּאַרלאַמענט.

נומען קיין תל־אביב צו דער כנסת, צו דער נאָכמיטאָג זיצונג. זיי האָבן זיך גע־איילט דאָס צו טאָן, ווייל אינגיכן וועט זיך דער אידישער פּאַרלאַמענט שליסן פאַר די זומער־מאָנאַטן.

די געביידע פון דער כנסת איז אַ צייטווייליקע און איז פון אויסען־

ווייניק גאַרניט אימפּאָזאַנט אין דעם זין און אויסזען פון פּאַרלאַמענטן פון גרויסע לענדער. ווען ניט דער שילד, וואָס האָט אויף זיך דעם ישראל־עמבלעם, וואָלט אַ פרעמדער געמיינט, אַז דאָס איז אַן אַריינגאַנג צו אַ סינעמאַ־טעאַטער. דערפאַר אָבער איז יעדע זאַך אינעווייניק אָרגאַניזירט מיט געשמאַק און דער זאַל פון דער זיצונג איז „עיר קאָנדישאָנד״, אַזוי אַז עס איז זייער קיל און באַקוועם צו זיצן.

נאָך דעם ווי מען האָט יעדן געגעבן אַן אַריינגאַנגס־קאַרטע, זיינען מיר אַלע שטיין געבליבן אין דעם אַריינגאַנגס־צימער, „פאָיער״, וואו דער סעקרע־טאַר פון פּאַרלאַמענט האָט אונז באַגריסט און באַדויערט וואָס שפּרינצאַק, דער „ספּיקער״, וועלכער איז איצט, אין דער אָפּוועזנהייט פון דר. חיים ווייצמאַן, דער פּרעזידענט פון דער מדינה, קען אונז ניט אויפנעמען, ווייל ער איז אין אַ וויכטיקן קאָמיטעט אין אַ באַזונדער צימער.

די דעלעגאַציע איז אַריין און זיך באַזעצט אויף דער גאַלעריע און זיך צוגעהערט צו אַ זייער וויכטיקער דעבאַטע. עס האָט זיך געהאַנדלט צי זאָל די רעגירונג אויך אויסהאַלטן די ספּעציעלע און באַזונדערע רעליגיעזע שולן אַזוי ווי די פרומע פּאַרלאַנגען. איך, אָבער, מיט דעם הסתדרות־טוער, לעווינ־סאָן, בין געגאַנגען זען אפשר וועט פּאַרט מעגלעך זיין צו זען שפּרינצאַק׳ן. זיין סעקרעטאַר האָט אים מודיע געווען ווער עס וויל אים זען און ער איז צו אונז אַרויסגעקומען אויף אַ פּאָר מינוט.

איך האָב אים באַגריסט אין נאָמען פון אונזער באָסטאָנער דעלעגאַציע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף יעדן באַזונדער און געוואָלט וויסן וואָס יעדער איינער מאַכט.

לאַנג זיינען מיר דאָרט ניט געזעסן ווייל אונזער צייט איז געווען אויס־גערעכנט אַזוי, אַז מיר זאָלן קענען זען אַלץ און וואָס נאָר מעגלעך.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן די כנסת, האָבן מיר באַטראַכט דעם שיינעם בולעוואַר, וואו די געביידע געפינט זיך, איינער פון די שענסטע אין תל־אביב. דאָס איז דער תל־אביב׳ער ביטש, די לענג פון אַטלאַנטיק סיטי באָרדוואָק, אָבער אַ סך שענער געפּלאַסטערט און אויפגעהאַלטן. צו באַשרייבן די געוואַל־טיקע ענדערונגען פון די גאַסן און געביידעס זינט איך בין דאָ געווען מיט 12 יאָר צוריק, וואָלט מיר גענומען צו לאַנג און מיין צייט איז זייער באַ־גרעניצט. וועל איך דערווייל ענדיקן דאָס ערשטע בריוול, ווייל עס שטייען שוין די באָסעס אונז צו פירן צו דעם ועד הפּועל פאַר אַן אָפיציעלער אויפנאַמע.

מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות

מיר געפינען זיך איצט אין כפר וויטקין. מיר זענען אַהער געקומען נאָך אַ טאָג פון אַרומפאָרן אין ירושלים און אויף דעם וועג זיך אָפּגעשטעלט אין אַ סך פלעצער. באַזוכט קרית ענבים און אַריינגעפאָרן שפּעט אין אָוונט אין כפר וויטקין, וואו אַלע פון אונזער דעלעגאַציע האָבן גענעכטיקט.

וועל איך איצט וועגן דעם דאָרף גאָרנישט דערציילן, ווייל ערשטנס, וועט דאָס זיין אַ קאַפּיטל פאַר זיך אַליין, צווייטנס, ווייל איך דאַרף אייך פריער דערציילן וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס מיר האָבן געזען אין תל־אָביב און אין ירושלים ביז מיר זיינען געקומען אַהער.

דעם צווייטן טאָג, דאָנערשטיק פרי, אין בית ספר, נאָך דעם ווי מיר האָבן בציבור אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט מען אונז אויף צוויי גרויסע באָסעס גענומען צו דעם ועד הפועל. צו אונזערע 54 פון דער דעלעגאַציע איז איצט צוגעקומען מרס. טשעסקעס, מרס. קלאַרק, מאָלדאָס, שוועסטער גליטשטיין פון באָסטאָן און נאָך עטלעכע וואָס איך קען ניט אַזוי גוט, און מיר זיינען געוואָרן אַ גאַנץ היפּשער עולם. אָט די אַלע מענער און פרויען האָבן זיך געדאַרפט אַריינקוועטשן אין דעם זאַל, וואו דער ועד האָט זיינע זיצונגען. די עקזעקוטיווע פון ועד איז געווען פאַרזאַמלט און אַרומגעזעצט אַרום לאַנגע טישן מיט לוביאַניקער בראש. דאָרט זיינען געזעסן מערעמינסקי, באַנקאָ־ווער און נאָך חברים וואָס ס׳איז שווער אויסצורעכענען.

לוביאַניקער האָט אין אַ קורצער רעדע, פריער אין העברעאיש, דער־נאָך אין אידיש, באַגריסט די דעלעגאַציע, זיי געגעבן אַ האַרציקן ברוך הבא און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אויסנוצן זייער באַזוך און זיך גוט צוקוקן ניט נאָר צו די גוטע און שיינע זאַכן אין ישראל, נאָר אויך צו די געוואַלטיקע נויטן פון לאַנד. ער האָט באַטאָנט, אַז די הילף וואָס דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין פון אַמעריקע האָט געגעבן דער הסתדרות איז געווען פון גרויס באַדייטונג, ניט נאָר פאַר דער הסתדרות אַליין, נאָר אויך פאַר דעם לאַנד אין אַלגעמיין. אָבער די צייט איז געקומען, ווען ישראל און די הסתדרות דאַרף ניט נאָר געלט אַליין, נאָר אויך דעם נפש, די אידישע מענער און פרויען פון אַמעריקע. מיר דאַרפן, האָט ער געזאָגט, זייערע טעכנישע קענטעניש, זייער אינטענ־סיווקייט און זייער וויסן.

נאָך דעם ווי מען האָט סערווירט יעדן איינעם אַ קאַלטן טרונק, האָט דר. פּאָמעראַנץ, דער פּאָרזיצער פון דער גאַנצער דעלעגאַציע, און דר. זאַלצמאַן פון לאָס אַנדזשעלעס, באַדאַנקט דער עקזעקוטיוו פון דער הסתדרות פאַר דער שיינער אויפנאַמע. די דעלעגאַציע האָט דאַן פאַרלאָזן די געביידע פון דעם ועד הפועל און זיך געקליבן אַריינצוגיין אין דער געביידע פון „דבר“.



ביים פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר דער ערשטער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין הויז פון ועד הפּועל. עס זיצן פון לינקס צו רעכטס: אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, י. אבן־זהר, גרשון לעווינסאָן, פּנחס לוביאַניקער (שטייענדיק), דר. פּאָמעראַנץ, י. פייגענבוים און ב. לין.

ביים ארויסגאַנג, ווען מיר אַלע זיינען געבליבן שטיין אין דרויסן פאַר די צייטונגס־פאָטאָגראַפּערס, האָבן מיר דערוויילן באַגעגנט גאָלדע מייערסאָן, שפּרינצאַק׳ן און זלמן רובאַשאָוו־שזר. גאָלדע קוקט אויס גאַנץ גוט, בעסער ווי זי האָט אויסגעזען ווען איך האָב איר לעצטנס געזען אין אַמעריקע. זי האָט געזאָגט שלום צו אַלעמען פון דער דעלעגאַציע, אָבער באַזונדערס צו די באָס־טאָנער, וועמען זי קען אַזוי גוט און זי איז געווען גליקלעך זיי צו זען אין מדינת ישראל.

שפּרינצאַק, וועלכער איז אויך געקומען צו זען די דעלעגאַציע, האָט פּריוואַט און באַזונדער גערעדט צו אייניקע פון זיי און אַזוי אויך רובאַשאָוו. רובאַשאָוו האָט זייער געוואָלט, אַז איך זאָל קומען צו אים אין הויז אויף שבת, אָבער אונזער פּראָגראַם האָט גערופן פאַר שבת אין ירושלים.

פון דעם ועד הפועל זענען מיר צוגעפאָרן צו דער געביידע, וואו עס ווערן פאַרפערטיקט און צעשיקט אַלע רפואות (דראָגס) פון קופּת חולים.

אין דער זעלבער געביידע געפינען זיך אויך פאַרשיידענע לאַבאָראַטאָריעס, וואו מען מאַכט עקספּערימענטן אין דראָגס, און אויך אַ צימער וואו עס ווערט פּראָדוצירט אַ פּאַסטע פאַר רייניקן די ציין. דער וואָס האָט אונז געפירט און געוויזן אָט די אַלע זאַכן, האָט זיך באַרימט, אַז אָט דער „טוט־פּעיסט" איז אַ סך בעסער פון וועלכן עס איז אַמעריקאַנער און האָט יעדן פון אונז געגעבן אַ „סעמפּל" צו נעמען אַהיים...

נאָך דעם זיינען מיר געפאָרן קיין יפו. אונזער „גאַיד", דוב, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן מיט אונז אַרומצופאָרן און אונז ווייזן אַלץ וואָס איז

אין הויף פון ועד הפּועל פון דער הסתדרות מיט דעם עקטינג־פּרעזידענט פון מדינת ישראל, יוסף שפּרינצאַק, גרשון לעווינסאָן און אַנדערע פירנדע חברים פון ישראל.

ווערט צו זען, האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זען די פּלעצער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַלע גרויסע שלאַכטן און פאַרביטערטע קאַמפן. אויך ווי אַזוי עס זעט איצט אויס די שטאָט, פון וועלכער די גרעסטע צאָל אַראַבער זיינען אַנטלאָפן און איז איצט באַזעצט פון ניי־אָנגעקומענע עולים.

מיר האָבן לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן און דערזען די צעשאָסענע ווענט, אויסגעריסענע געביידעס, אויסגעהאַקטע שויבן, צעדרייטע שטיקער אייזענס און אַזוי ווייטער. מען דאַרף געדענקען, אַז אַ סך פון דעם חורבן און צעשטערונג האָט מען שוין אויפגערוימט און צורעכט געמאַכט. אונזער פירער, דוב, וועלכער קען יעדעס ווינקעלע און האָט אין אַ סך שלאַכטן אַליין אָנטייל־

געגומען, האָט אונז, וויפיל די צייט האָט אים דערלויבט, איבערגעגעבן וועגן דעם קאַמף, מסירת נפש, און העראָאיזם פון די אידישע פאַרטיידיקער פון תל־אָביב און דער עראָבערונג פון יפו. יפו איז איצט אידיש, בלויז אַ קליינע צאָל אַראַבער זיינען דאָרט געבליבן, אָבער די שטאָט ווי זי איז איצט, מיט די געסלעך און אָנגעלאָפענע עולים מאַכט זייער ניט קיין אנגענעמען איינדרוק פאַר אידישע באַזוכער פון אַמעריקע.

עס וועט וואַרשיינלעך דאַרפן נעמען אַ לאַנגע צייט ביז מען וועט קענען די הייזער פאַרריכטן ווי עס באַדאַרף צו זיין און די עולים איינ־אָרדענען מיט אַרבעט און פרנסה, אַז יפו זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין ישראל.

אונזער מנהיג, דוב, האָט אויך געוואָלט, אַז מיר זאָלן באַטראַכטן דעם יפו׳ער פּאָרט. אָט דער פּאָרט, וואָס איז אַלע מאָל געווען ביי די אַראַבער אין די הענט און וועלכן זיי האָבן אויסגענוצט אויף אָנטאָן אונז אַזויפיל צרות, ביז די אידן זיינען געווען געצוואונגען דורך געוואַלטיקע שוועריקייטן און אָנשטרענגונגען אויסצובויען אַ פּאָרט אין תל אביב. יעדעס מאָל, וואָס די אַראַבער מיט דעם מופטי, האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמף צו פאַרניכטן דעם ישוב,

אַ באַזוך אין דער מאַקס פיין שול, תל־אביב, אונטער דער אָנפירונג פון דעם הויפּט־דירעקטאָר פון די הסתדרות פאַך־שולן אין ישראל, דער לאַנג־יאָריקער באַוואוסטער אַרבעטער־פירער, ישראל מערעמינסקי.

ביים אַריינגאַנג אין דער מאַקס פיין שולע באַגלייט פון ישראל מערעמינסקי. אויף דער געביידע זעט מען די לעכער פון די קוילן וואָס זיינען אַריינגעשאָסן געוואָרן אין דער צייט פון קאַמף מיט די אַראַבער אין 1948.

פלעגן זיי באַלד פאַרשפּאַרן דעם פּאָרט און ניט לאָזן אַריינפירן און אַרויס־פירן קיין פּראָדוקטן. איצט איז דער פּאָרט איינער פון עטלעכע וואָס באַדינען מדינת ישראל. דאָרטן זיינען באַשעפטיקט אידן און אויך אַראַבער, און אונזער פירער האָט אונז געבעטן ניט מאַכן קיין עקסטראַ באַמערקונגען און ניט טייטלען מיט די פינגער אויף די אַראַבער, ווייל אַ סך פון די אַראַבער אַרבעטער אין פּאָרט זיינען מיטגלידער פון דער הסתדרות און דאַרפן און ווערן באַהאַנדלט ווי מענשן.

אונזער דעלעגאַציע, דורכגייענדיק דורך די שומרים, וואָס באַוואַכן דעם אַריינגאַנג, האָט באַטראַכט די אַלע שווערע משאות, שווערע מאַשינעריע

וואָס ווערן אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן און אַלערליי פּראַכט סחורות וואָס קומען־אָן און ווערן אַוועקגעשיקט פונם ישראל פּאָרט. און מיר האָבן אין אַ גוטער אָרדענונג פאַרלאָזן דעם פּאָרט אויף אונזערע ווייטערע באַזוכן אין חולון און קרית עבודה.

דורך דער גאַנצער געגנט, וואָס מיר זיינען דורכגעפאָרן, זיינען דאָ געננג סימנים פון דעם שווערן קאַמף וואָס די אידישע גבורים האָבן געפירט מיט די אַראַבישע באַנדעס, וועלכע זיינען געהאָלפן געוואָרן פון די ענגלישע סאָלדאַטן. אָבער מען זעט אויך טעטיקייט פון בויען. עס בויען זיך גרעסערע אַפּאַרטמענט־הייזער, קלענערע און גאָר קליינע הייזקעס, אַזעלכע ווי עס זיינען אויסגעבויט געוואָרן פאַר די אַרבעטער אין דעם געגנט וואָס הייסט קרית עבודה.

און מערקווירדיק איז דאָס וואָס די גאַנצע געגנט איז אַ זאַמדיקע. פון אַלע זייטן וואו עס איז נאָך נישט פאַרבויט, זעט מען גרויסע שטרעקעס פון זאַמד חורבות, אָבער דאָרט וואו עס שטייט שוין אַ הייזקע, וואַקסן בלימעלעך, גראָז און בלומען. עס זעט זיך אַ היפּשע צאָל הייזער. אַלע מיט גערטנדלעך און שיינע בלומען.

דער גרעסטער וואונדער איז פאַר אונז געווען, ווען מען האָט אונז צוגעפירט צו אַ גרויסן פּאַרק און מיר האָבן דערזען אַז דאָ, אין מיטן די שטרעקעס פון זאַמד, געפינט זיך אַ גרויסער באַסיין מיט וואַסער (סווימינג פּול), וואו אַ סך קינדער, קלענערע און גרעסערע, באָדן זיך און שווימען אַרום אין דעם באַסיין. עס שטייען אויך בענק און טישן פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די וואָס באַזוכן דעם פּאַרק. דאָ אויף די בענק האָט זיך אונזער דעלעגאַ־ציע צוגעזעצט, זיך דערפרישט מיט קאַלטע געטראַנקען און באַגריסט געוואָרן פון דעם מעיאָר פון דער גאַנצער חולון געגנט. ער האָט אונז דערציילט איינצל־הייטן ווי אַזוי קרית העבודה איז געבויט געוואָרן, ווי אַזוי ס׳ווערט פאַרוואַל־טעט, און די פּלענער וועלכע זיי האָבן פאַר דער צוקונפט.

עס האָט אויך אונזער דעלעגאַציע באַגריסט — דער אַרכיטעקט קאופמאַן, דער וואָס מאַכט די פּלענער און „בלו־פּרינטס״ פאַר די הייזער. ער האָט דערציילט פון די פּראָבלעמען וואָס זיי האָבן געהאַט צו לייזן איידער זיי האָבן געקענט בויען די הייזער, אַזוי אַז זיי זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום אַר־בעטער׳ס פאַרדינסטן און אַזוי ווייטער. נאָך דעם ווי די דעלעגאַציע האָט

באַזוכט אַ פּאָר פון די הייזער און באַטראַכט ווי אַזוי זיי זעען אויס אינעווייניק און ווי זיי זיינען מעבלירט, האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק צו דעם בית ספר פאַר אָונט־ברויט און רו.

ווי איך זע, האָב איך שוין אָנגעשריבן 11 זייטלעך און איך האַלט ערשט ביים אָנהויב. די צרה איז, וואָס מען פירט אונז אַרום אין אַזוי פיל פּלעצער, אַז עס בלייבט פשוט נישט קיין צייט וועגן צו שרייבן. איך האַלט ערשט ביי אונ־זער אַרויספאָר קיין ירושלים, און דאָ זיינען מיר שוין אין עין חרוד און אין

אין הויף פון בית ספר לפעילי ההסתדרות פאַרן אַרויספאָרן קיין ירושלים.

תל יוסף. איך וועל זיך דעריבער אָפּשטעלן און וועל ביי אַן אַנדער געלעגנ־הייט אייך דערציילן וועגן אונזער זייער אינטערעסאַנטער נסיעה קיין ירושלים און וועגן דעם שבת־האַלטן אין דער הייליקער שטאָט.

די נסיעה איז אַ שווערע, מיר ווערן שטאַרק אויסגעמאַטערט, אָבער עס איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַז קיינער פון אונזערע באַסטאַנער וויל גאָרנישט פאַרפעלן פון דעם. מאלדאָף און אַלבערט גייען־מיט און האַלטן־אַן אויסגעצייכנט. עס זעט אויס, אַז די ארץ ישראל אַטמאָספערע און דער וואונדער, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געזעדט דרייסיק יאָר צייט, איז מאַקע אַן אמת, מאַכט זיי שטאַרק צו קענען אַריבערטראָגן די היצן און די שווערע צייט. אַגב, אָט דעם וויץ פון „רעדן 30 יאָר" האָט אונז דערציילט דאָבקין, ווען ער האָט אונז באַגריסט אין ירושלים.

אין ירושלים

אין מיין לעצטן בריוו האָב איך אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז פּרייטיק צו־נאַכט, אַזוי שנעל ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן, האָבן מיר אַלע צוגעשפּאַצירט צו דעם בית ההסתדרות אין ירושלים, וואו ס׳האָט שוין אויף אונז געוואַרט אַ גרויסער עולם פון מענער און פרויען, צו באַגעגענען די אַמעריקאַנער דעלעגאַציע.

אין צענטער פון אידישן ביזנעס־געגנט אין ירושלים, אין מרכז המסחרי, וועלכער איז אויסגערויבט געוואָרן דורך די אַראַבער איידער די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער העראָאישער קאַמף פון דער הגנה פאַר דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים.

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען משה בר־עם, אַ פירער פון דער ירושלים׳ער הסתדרות און קרעפטיקער רעדנער. ער האָט פריער אין אַ קורצער רעדע אין העברעאיש, און דערנאָך אין אידיש, אַז מיר זאָלן אויך פאַרשטיין, דערציילט דעם עולם, אַז אין דער דעלעגאַציע געפינען זיך אַמעריקאַנער חברים, איבערגעגעבענע טוער פאַר דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין. אַזעלכע וואָס זיינען אין דער באַוועגונג צענדליקער יאָרן און זענען אַלע וועטעראַנען. ער האָט אין דעם נאָמען פון די ירושלים׳ער אַר־

בעטער אין הסתדרות באַגריסט די דעלעגאַציע און איר געגעבן דעם שליסל פון שטאָט.

דער טשערמאַן פון דער דעלעגאַציע, דר. פּאָמעראַנץ, האָט באַדאַנקט פאַר דער אויפנאַמע און די וואַרימע ווערטער און באַגריסט מיט ברכות די גאַנצע דעלעגאַציע. נאָך אים האָט גערעדט אונזער חיים סילווערמאַן פון באָסטאָן, און האָט די פאַרזאַמלטע געזאָגט, אַז פאַר אים, און ער גלויבט אַז פאַר אַלע פון דער דעלעגאַציע, איז אַ גרויסע זכיה וואָס מיר האָבן דערלעבט מיט אונזערע אויגן צו זען די פרייע אידישע מדינת ישראל, און ספּעציעל צו קענען זיין אין ירושלים, — א אידישע ירושלים, און אויפגענומען צו ווערן פון דער הסתדרות. זיין רעדע האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטן, ווייל זיין קורצע רעדע איז ווירקלעך געווען אַ געלונגענע.



ביים צעשאָסענעם עס־צימער אין רמת־רחל, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ העלדישער קאַמף צווישן דער הגנה מיט די גרויסע אַראַבישע מחנות.

די לעצטע רעדע אויף דער פאַרזאַמלונג איז געהאַלטן געוואָרן פון יצחק בן צבי. ער האָט דערציילט פון די שווערע קאַמפן, פון דער ביטערער מלחמה, וואָס די שטאָט ירושלים האָט באַדאַרפט אָנפירן, דעם הונגער און דורשט וואָס די באַפעלקערונג האָט איבערגעטראָגן, ביז עס איז זיי געלונגען צו פאַרטרייבן דעם שונא.

און זאָל קיינער זיך ניט אײַנרעדן, האָט ער אויסגערופן, אַז דער קאַמף איז שוין פאַראיבער. איצט דראָט אונז ניט נאָר דער עקאָנאָמישער קאַמף אַליין, וואָס איז גענוג שווער, נאָר דער איצטיקער כח פון דער מדינה אַליין איז ניט שטאַרק גענוג, ווייל מיט איין מיליאָן אידן אַליין וועלן מיר דאָס לאַנד ניט קענען באַזעצן און ניט פאַרטיידיקן. מיר מוזן איצט האָבן, האָט ער

לעבן הויז פון דעם לאַנג־יאָריקן פועלי־ציון פירער, יצחק בן־צבי אין ירושלים. פון לינקס צו רעכטס: יצחק פייגענבוים, מ. בר־עם, אַלעקסאַנדער שאפּירא, חברה פּאָמעראַנץ, רחל ינאית, דר. ה. פּאָמעראַנץ און יצחק בן־צבי.

ווייטער פּאַטעטיש אויסגערופן, ניט נאָר אייערע דאָלאַרס, וואָס זענען אַזוי וויכטיק, נאָר אויך אייערע נפשות, און אייערע קינדער.

איר וועט גיין איבערן לאַנד און איר וועט זען אַ סך שיינע זאַכן אָבער למען השם פאַרגעסט אויך ניט צו זען אונזער שאַנדע, אונזער טראַגעדיע. זעט די עולים וואָס געפינען זיך אין די קעמפּס צוזאַמען מיט די אויפגעוואָרפן, 75 טויזנט פון זיי, באַטראַכט דאָס און דערציילט דאָס די אידן פון אַמעריקע.

וואָס מיר האָבן געטאָן שבת אין דער פרי, האָב איך אייך שוין גע־שריבן אין מיין לעצטן בריוו. איצט וויל איך אייך איבערגעבן וואָס מיר האָבן געזען אין ירושלים שבת נאָכמיטאָג.

מיר האָבן גענומען אַ שפּאַציר, ווייל אין ירושלים פאָרט מען נישט אום שבת. מיר זענען געגאַנגען געמיטלעך פון אונזער האָטעל „עדן" דורך דער ברייטער און שיינער גאַס מלך דוד, די פריערדיקע קינג דזשאָרדזש. דאָרטן געפינט זיך זייער אַ שיינער פּאַרק, אָבער ער איז איצט נאָך פאַר־

שטעלט מיט אַ הויכן צעמענטענעם פּאַרקאַן, ווייל בשעת דער מלחמה פלעגן די אַראַבער צילעווען אויף די פאַרבייגייענדיקע און דער׳הרג׳ענען ווען זיי האָבן נאָר געקענט. און אַזוי ווי די ירושלים פּראָבלעם איז נאָך נישט געלייזט פּאָליטיש, מוז נאָך דערווייל דער פּאַרקאַן שטיין.

מיר האָבן צוגעשאַפּצירט צו דעם באַרימטן מאָנאַסטיר „נאָטרדאַם" און אונזערע „גאַידס" האָבן אונז וועגן דעם מאָנאַסטיר דערציילט פאָלגענ־דעס: דער מאָנאַסטיר איז געגרינדעט געוואָרן פון פראַנציסקאַנער און האָט אַ צייט לאַנג געהאַט אַ סך מאָנאַכן. דאָרט איז אויך געווען אַ מוזעאום פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען און פרומע קריסטן פלעגן עולה זיין קיין ירושלים באַזוכן דעם מאָנאַסטיר.

אָט אין דעם מאָנאַסטיר האָט זיך אָפּגעשפּילט איינער פון די פּאַר־ביטערסטע קאַמפן פון דער אידיש־אַראַבישער מלחמה. צו האַלטן אָט דעם פּונקט איז געווען זייער וויכטיק, ווייל דאָרט געפינט זיך דער טויער צו דער אַלטער שטאָט. אַבאַדאַלאַ׳ס לעגיאָנען האָבן געשיקט אַהין גרויסע טאַנקען צו נעמען די געביידע, אָבער די ישראל־גבורים פלעגן אויפרייסן די ווענט און מיט דעם פאַרשיטן די טאַנקען מיט זייערע סאָלדאַטן. און נאָך אפילו איצט געפינען זיך די לעגיאָנערן איבער דער וואַנט און אונזער חיל אין דער געביידע.



ביי נאָטערדאַם אין ירושלים מיט די הויפּט־פירער פונם קאַמף פאַר ירושלים. פון רעכטס צו לינקס: דר. פאָמעראַנץ; משה בר־עם, סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין ירושלים; שלמה חוילה, הויפּט פון די סטראַטעגישע פעסטונגען פון דרום־ירושלים; חברה פאָמע־ראַנץ; יעקב זיניאו, קאָמוניאַקציע הויפּט; אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ און י. פייגענבוים.

אין אָוונט האָבן די ירושלים׳ער הסתדרות׳ניקעס נאָך אַמאָל צוגעגרייט אַ קערמישל מיט „גרעיפּס״ און אַלערליי געטראַנקען און אונז נאָך אַמאָל גע־בעטען, אַז מיר זאָלן זיך קומען באַזעצן אין זייער באַליבטער שטאָט ירושלים.

איבערגעשלאָפן די צווייטע נאַכט אין ירושלים, האָבן מיר ווידער פּאַר־



מיט קרובים אין כפר ויתקין.

פּאַקט אונזערע פּעקלעך און זיך געגרייט אין וועג אַריין. די פּראָגראַם איז געווען צו זען אַלע אינסטיטוציעס וואָס זיינען אויף דעם וועג און נעכטיקן אין כפר וויטקין.

צוערשט האָבן מיר באַזוכט די „עמל״־שול, געגרינדעט פון דער „אַמאַל־גאַמייטעד״. דאָרטן געפינען זיך אינגלעך, יתומים, וואָס מען לערנט זיי אַ מלאכה (טרייד). מען לערנט זיי סטאָלעריי, שלאָסעריי און ווי אַזוי זיך צו באַ־נוצן מיט געצייג פאַר פאַרשיידענע זאַכן. מיט אייניקע פון זיי האָבן מיר זיך געקענט צוזאַמענריידן, ווייל זיי רעדן אידיש, אָבער אַ סך זיינען דאָרט פון טערקיי, בולגאַריע און אַ ריי אַנדערע לענדער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אידיש ניט געקענט. די אינגלעך, וואָס זיינען אין פאַרשידענע עלטערס, ווערן געלערנט און דערצויגן אין אַ פריינטלעכער אַטמאָספערע און מען מאַכט זיי צו פאַרגעסן זייערע צרות און אין דער שרעקלעכער טראַגעדיע וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט.

אין פאָדערשטן צימער הענגט אַ גרויסע בילד פון סידני הילמאַן און עס איז דאָרטן דאָ אויך דער חדר בלום, וואָס מיר, באַסטאָנער, האָבן געגרינ־

דעט. דאָס איז זייער אַ ווערטפולע אינסטיטוציע און די אַמאַלגאַמייטעד דאַרף זיין שטאָלץ, וואָס זי האָט דאָס גורם געווען. פון דער עמל־שולע זיינען מיר צוגעפאָרן צו דער געביידע פון דער אַגענטור.

אַ גרויסער שטאַנג מיט אַ שומר פאַרשטעלן דעם אַריינגאַנג פון הויף. ווארשיינלעך געדענקען זיי נאָך וואָס עס האָט פּאַסירט ווען די אַראַבער מיט דער הילף פון די ענגלענדער האָבן אַריינגעטריבן אַ טראָק מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער געביידע און דורך דעם דער׳הרג׳עט לייב יאפּע, דעם גרויסן איד און פּאָעט.

ווען דער שומר האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלע די וואָס ווילן אַריינגיין זיינען פריינט, האָט ער אונז אַריינגעלאָזט. מיר האָבן באַטראַכט די געביידע, אַריינגעגאַנגען אין דעם הערצל־צימער, וואו אַ ממונה איבער דעם צימער האָט אונז דערקלערט וועגן דעם לעבן און טויט פון הערצל. דאָס גאַנצע מעבל

ביים אַריינגאַנג אין דער הויפּט־צענטראַלע פון דער אידישער אַגענץ אין ירושלים.

פון צימער איז דאָס אָריגינעלע מעבל וואָס הערצל האָט גענוצט אין זיין שרייב־צימער און איינגעאָרדענט פונקט ווי עס איז געשטאַנען אין זיין שרייב־צימער אין ווין.

אָבער דעם טיפסטן נשמה־ציטער האָבן מיר אַלע געהאַט, ווען מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דעם חדר, וואו די עקזעקוטיווע פון דער איי־דזשענסי האַלט אָפּ אירע פאַרזאַמלונגען. אין מיטן פון חדר שטייען לאַנגע טישן, צוזאַמענגעשטעלט אין אַ רונדער פאָרם. מיר אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן מיט אליהו דאָבקין בראש.



ביים לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף הערצל׳ס קבר אויפן הר־הרצל אין באַגלייטונג פון חיים גרינבערג, אליהו דאָבקין, אידישער אַגענץ ; גרשון לעווינסאָן — ועד־הפועל פון דער הסתדרות ; יהודית גינזבורג, משה בר־עם, מועצת פועלי ירושלים.

דאָס ערשטע וואָרט איז געגעבן געוואָרן צו אונזער טשערמאַן פון דער דעלעגאַציע, נאָך דעם ווי פּייגענבוים האָט אין קורצע ווערטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר געפינען זיך אין דעם צימער און זיצן ביי די טישן, וואו נאָך אַ פּאָר טעג און נעכט פון ראַנגלענישן איז די אידישע מדינה פּראָקלאַמירט געוואָרן.

פּאַמעראַנץ האָט מיט טרערן אין די אויגן גערעדט וועגן דעם היסטאָרישן מאָמענט און האָט געפרעגט: וויפיל מוט און קוראַזש אָט די מענשן האָבן באַדאַרפט פאַרמאָגן צו נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות, ווייל זיי האָבן גוט געוואוסט אַז דאָס מיינט מלחמה און אינוואַזיע פון די אַראַבישע לענדער און דאָך האָבן זיי געוואָגט און געזיגט.

דאָבקין האָט צו אונז גערעדט אַן אָראַטאָרישע פליטערלעך און אַן קונצן. ער האָט דערציילט די פּראָבלעמען וואָס די מדינה דאַרף לייזן. קיינער,

ספּעציעלע אויפנאַמע פאַר דער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין קאָנפערענץ־צימער פון דער אידישער אַגענץ אין ירושלים אין דער באַגלייטונג פון גרשון לעווינסאָן פון דעם ועד הפּועל פון דער הסתדרות; בערל לאָקער אינפאָרמירט וועגן דער אַרבעט.

האָט ער געזאָגט, טאָר זיך אויף איין מינוט ניט איינרעדן, אַז מיר האָבן שוין געוואונען די מלחמה. ניין! מיר זענען נאָך ווייט, זייער ווייט פון שלום. עס פעלן איצטביידע זאַכן, געלט און מענשן.

די לעצטע אימיגראַציע, די עולים, זיינען ניט דער מאַטעריאַל וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבן. אין די קעמפּס געפינען זיך פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע מענשן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען נאַצישע קעמפּס און אַלערליי צרות און אָנשיקענישן. מיר מוזן האָבן געזונטע יונגע אידן און דאָס קען נאָר

געבן אַמעריקע. מיר דאַרפן די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַלן און אַמעריקאַנער אידן מיט זייערע פעאיקייטן און זייערע דערפאַרונגען אין בויען צו באַזעצן די אידישע מדינה.

און דערמיט האָט זיך אונזער וויזיט אין סוכנות געענדיקט און מיר זיינען אָפּגעפאָרן צו דער בית־החלוצות.

בית החלוצות—קרית ענבים—עין השופט

שפּוין דעם צווייטן טאָג אַז מיר געפינען זיך צוריק אין תל־אביב, נעכטן האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג געהאַט פריי. דאָס האָט מען אונז געגעבן אַ געלעגנהייט זיך אויסצורוען פון דער שווערער רייזע וואָס מיר האָבן דורכ־געמאַכט די לעצטע צען טעג.

היינט אין דער פרי האָבן מיר זיך באַגעגנט און זיינען אויפגענומען גע־וואָרן אין דעם ווייצמאַן־הויז פון דער הקריה, פונ׳ם פּרעזידענט און „ספּיקער״ פון פּאַרלאַמענט, יוסף שפּרינצאַק. נאָך מיטאָג גייען מיר קיין כפר סבא און בית בערל און אין אָוונט גייען מיר אין „אוהל״־טעאַטער.

אָבער וועגן אַט די אַלע זאַכן וועל איך אייך דערציילן כסדר ווען איך וועל קומען דערצו. דערווייל דאַרף איך אייך איבערגעבן וואָס מיר האָבן גע־זען אויף דעם וועג און אין כפר וויטקין.

בית החלוצות, ניט ווייט פון ירושלים, אַ גרויס, שיין הויז מיט אַ סך גראַמע און ליכטיקע צימערן, ווערט אויסגעהאַלטן מערסטנס פון די פּיאָנערן פרויען גרופּן פון אַמעריקע. די פאַרוואַלטערין, פרוי נאַגיט, דער־

מיט רחל ינאית ביים בית החלוצות אין ירושלים.

ציילט וועגן די מיידלעך, וואָס גייען דורך דאָס הויז, אייניקע בלייבן לענגער, אייניקע גייען אַוועק צו פאַרשיידענע אַרבעטן אַזוי, אַז איבער טויזנט מייד־לעך זיינען שוין דורכגעגאַנגען דורך אַזעלכע הייזער וואָס געפינען זיך אויך אין אַנדערע שטעט.

אויף דעם וועג צו קרית ענבים געפינט זיך אַ מאָדערנע שיך־פאַבריק, וואָס אייניקע פון אונז האָבן זייער שטאַרק געוואָלט זען. מיר האָבן דעריבער געבעטן אונזערע „גאַידס" פון דער דעלעגאַציע זיך אָפּצושטעלן לעבן דער פאַבריק, כדי מיר זאָלן זי קענען באַטראַכטן.

אין דער פאַבריק אַרבעטן איצט אַרום 70 אַרבעטער און זי פּראָ־דוצירט אַרום 300 פּאָר שיך אַ טאָג. געווען איז די פאַבריק ביז ניט לאַנג

אַ באַזוך אין דער שיך־פאַבריק „נעלי־ארצנו" אין ירושלים. חבר ישראל פרידמאַן, אַליין אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט, גיט דערקלערונגען צו אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ ווי אַזוי עס ווערן געמאַכט שיך.

אין פּריוואַטע הענט און אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי געהאַט באַשטעלונגען און קאָנטראַקטן אפילו פון דער ענגלישער אַרמיי. ווען די מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט האָבן די אייגענטימער די פאַבריק גע־וואָלט פאַרמאַכן, ווייל עס האָט זיך זיי מער ניט געלוינט זי צו אָפּערירן.

די הסתדרות האָט ניט געוואָלט לאָזן די מענשן פון דער פאַבריק אַרבעטסלאָז, האָט זי איבערגענומען פּופּציק פּראָצענט „שערס" פון דער פאַבריק און געלאָזט די פאַבריק אַרבעטן.

זיי האָבן די פֿאַבריק אויסגעבעסערט מיט מאָדערנע מאַשינען, מער־סטענס אַמעריקאַנער, פֿון דער „יונאַיטעד שו מאַשינס קאָמפּאַני״, און איינגעפֿירט שטיק־אַרבעט אנשטאט וואָך־אַרבעט.

איך ווייס ניט וויפֿיל פּראָפֿיט די פֿאַבריק מאַכט איצט. זיי קאָנטראָלירן די פּרייזן וואָס די קאָנסומענטן דאַרפֿן צאָלן פֿאַר די שיך און לויט דער דערקלערונג פֿון פֿאַרוואַלטער טאָרן די קרעמער, וואָס פֿאַרקויפֿן די שיך, ניט נעמען טייערער ווי די פּרייזן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט פֿון פֿאַבריק און זייער „מאַרק־אַפּ״ טאָר מער ניט זיין ווי 20 פּראָצענט. אָבער פֿונדעסט־וועגן זיינען די פּרייזן זייער הויך לגבי אונזערע אַמעריקאַנער פּרייזן פֿאַר דעם זעלבן סאָרט שיך. דאָס איז ניט נאָר אין שיך, אַלע געברויך־אַרטיקלען זיינען שרעקלעך טייער. דער פֿונט, וואָס קאָסט אונזערע דריי דאָלאַר, האָט דעם קויף־קראַפֿט פֿון אָנדערטהאַלבן אַמעריקאַנער דאָלאַר.

אָט דער יקרות, די אינפֿלאַציע, איז אַ ביטערע פּראָבלעם מיט וועל־כער די ישראל רעגירונג ראַנגלט זיך. צוליב דעם האָט מען איינגעפֿירט די „צנע״ וואָס האָט שוין אַרונטערגעדריקט די אַרויפֿגעשרויפֿטע פּרייזן 10 פּראָצענט. אָבער אַפֿילו איצט זיינען די פּרייזן אַזוי הויך, אַז פֿאַר אַן אַמע־ריקאַנער וואָס דאַרף בייטן זיינע דאָלאַרן אויף פֿונטן און פּיאַסטערס, קוקט דאָס אויס פֿאַנטאַסטיש.

מיר שטעלן זיך אָפּ אין קרית־ענבים, ווערן אויפֿגענומען פֿון די חברים, מען איז אונז מכבד מיט ענבים וואס וואקסן ביי זיי אין די גערטנער און מיר פֿאָרן ווייטער צו כפר וויטקין.

עס ווערט שוין שפּעטלעך, די זון האַלט שוין ביים פֿאַרגיין און אונזערע צוויי באַסעס אָנגעפֿילט מיט אַמעריקאַנער איבערגעגעבענע פֿריינט פֿון דעם אַלט־ניי לאַנד, און פֿריינט פֿון דער הסתדרות זיינען מיד פֿון דעם גאַנצן טאָג אַרומפֿאָרן און שטרענגען־אָן זייערע אויגן און געדאַנקען צו זען און הערן. דאָס פֿאָרן מיט די באַסעס איבער די ניט צו־גלאַטע וועגן פֿון שטעט און דערפֿער פֿון ישראל איז ניט קיין צו לייכטער ביסן, ספּעציעל פֿאַר די פֿון דער דעלעגאַציע וואָס זיינען שוין אַריבער די זעקס צענדליק יאָרן און אַזעל־כע זיינען דאָ ניט גאַנץ ווייניק.

מיר שטייגן־אויס פֿון די באַסעס און מיר דערפֿילן, אַז דער באָדן איז אַ זייער זאַמדיקער, אַזוי, אַז דאָס אַרומגיין איז שווערלעך און מען האָט דעם איינדרוק, אַז מען גייט ווי אין אַ טיפֿן שניי. מיר זיינען אין כפר וויטקין.

מיר ווערן באַלד פאַרטיילט, יעדע משפחה נעמט צו זיך אָדער אַ פּאָרל אָדער איין פּערזאָן און מיר ווערן געפירט צו זיי אין די הייזקעלעך. מיר דריי, איך, דוד און מיין פרוי, ווערן באַגעגנט פון מיין פלימעניק און פלימעניצע, וועלכע וואוינען אַביסל טיפער אין דאָרף. מיר קומען אַריין צו זיי אין הויז, וואו אַ גוטע סעודה איז פאַר אונז צוגעגרייט.

אַ מושב פירט זיך אַנדערש ווי אַ קבוצה אָדער קיבוץ. יעדע פאַמיליע פירט זיך איר אייגענע ווירטשאַפט, באַאַרבעט איר אייגענעם באָדן וואָס איז איר געגעבן געוואָרן פון קרן קימת. אויסער דעם איז אַלץ זייער אייגנס, איינגעשלאָסן קי און עופות. די פּראָדוקטן, אָבער, ווערן ניט פאַרקויפט באַזונדער אויף דעם מאַרק נאָר צום קאָאָפּעראַטיוו תנובה. אין אַנדערע ווערטער, אַלץ וואָס זיי פּראָדוצירן און אַלץ וואָס זיי קויפן, ווערט געטאָן צוזאַמען און ניט באַזונדער.

דער דאָרף איז אַ גרויסער. זיי האָבן אַ גרויסע מיל צו פאַרפערטיקן שפּייז פאַר די עופות און קי, אַ גרויסע קראָם וואו זיי קויפן־איין זייערע באַדערפענישן און אַ זאַל וואו זיי פאַרזאַמלען זיך פאַר לעקציעס אָדער צו דיסקוטירן זייערע פּראָבלעמען.

איצט, ווען אין לאַנד איז דאָ אַזאַ גרויסע פּראָבלעם פון נייע עולים, האָט דער דאָרף אַריינגענומען 80 יונגעלייט, איינגעקע צו זיך אין די הייזקעס און אַנדערע אין ביידלעך, זיי צו לערנען און צוגרייטן פאַר אַגריקולטור אום זיי זאָלן אַליין קענען אַרויסגיין אויף באָדן און ווערן זעלבסטשטענדיק.

שפּעטער אין אָוונט זיינען מיר אַלע איינגעלאַדן געוואָרן אין זייער גרויסן זאַל, וואו מיר זיינען באַגריסט געוואָרן מיט אַ האַרציקן ווילקאָמען.

אויף מאָרגן, אַזוי שנעל ווי מיר האָבן איבערגעביסן, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די האַרציקע חברים, געדאַנקט פאַר דעם פיינעם הכנסת אורחים פון כפר וויטקין, זיך אַריינגעזעצט אין די באָסעס און געפאָרן ווייטער.

מיר פאָרן פאַרביי כפר אלישיב, וואָס איז באַזעצט מיט תימנ׳ער אידן, חדרה, און קומען צו זכרון יעקב, וואו עס געפינען זיך גרויסע וויינקעלערן. מיר באַטראַכטן דעם פּראָצעס פון קוועטשן די טרויבן, די גרויסע פעסער. דער ריח פון אַלקאָהאָל האָט איינעקע פון אונז באַלד פאַר׳שיכור׳ט. צו פאַרזוכן זייער וויין איז ביי אונז קיין צייט ניט געבליבן, אָבער אונזערע

באָסטאָנער האָבן מיט זיך מיטגענומען אייניקע פלעשער וויין און דערנאָך זיי אויסגענוצט ביי אַ געלעגנהייט וואָס איך וועל ווייטער דערציילן.

מיר פאָרן ווייטער איבער בערגלעך און טאָלן. וואו־ניט־וואו זעט זיך אַן אַראַבישער דאָרף, אָדער בעסער געזאָגט, סימנים פון אַראַבישע דער־פער, ווייל די מערסטע דערפער זיינען אויפגעריסן געוואָרן פון די ישראל־סאָלדאַטן, ווען זיי האָבן די דערפער איינגענומען אָדער ווען די אַראַבער זיינען פון די דערפער אַנטלאָפן.

אין אונזער באָס האָט זיך געפונען דער זייער פּעאיקער „גאַיד״ בן־דוב, וואָס קען די גאַנצע טעריטאָריע און ווייסט יעדן פּונקט אויף זיינע פינגער. ער ווייסט, ווען און וואָס פאַר אַ צייט די פּונקטן זיינען באַזעצט געוואָרן, ווען און וואו זיי ווערן דערמאָנט אין תנ״ך און וואָס פאַר אַ קאַמפן עס זיינען פאָרגעקומען אין דער לעצטער אידיש־אַראַבישער מלחמה.

מיר פאַרנעמען זיך אַן אַ זייט פון שאָסיי און נאָך אַ לענגערן קריכן אויף בערג קומען מיר אַריין אין קיבוץ עין־השופט.

אַזוי שנעל ווי מיר שטייגן אויס פון די באָסעס, ווערן מיר באַגריסט פון פירנדע חברים און חברות פון קיבוץ, צווישן זיי יוסף און בעלא, פון באָסטאָן. די באָסטאָנער דערפרייען זיך מיט די חברים און מיר אַלע הויבן אָן צו שפּאַצירן און צו באַטראַכטן דעם משק.

די הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין עין השופט, וואו עס ווערט אויך געפייערט דער געבורטסטאָג פון דעם טרעזשורער, אַלעקסאַנדער שאַפּירא.

דער באָדן איז אַ באַרגיקער און ניט זאַמדיק. דאָרט געפינען זיך 200 חברים, 170 קינדער און 29 פון יוגנט־עליה. זיי האָבן אַ געמישטעווירטשאַפט פון עופות, קי און פעלדער, אויך זיבן גרויסע טראַקס, וואָס אַרבעטן פאַר זיי און פאַר אַנדערע. דאָס ברענגט זיי אַריין אַ היפּשע איינּנאַמע.

די גאַנצע ווירטשאַפט איז שיין איינגעאָרדענט. דער משק איז פול מיט בלומען און בוימער. זייער אַ שיינער עס־צימער. עס איז קענטיק, אַז זיי האָבן אַ גאַנץ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַטראַכט זייער ווירטשאַפט, זיינען מיר אַלע אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער, וואו אויף ריין־געדעקטע טישן איז פאַר אונז געווען צוגעגרייט מיטאָג.

די מאכלים אין ישראל באַשטייען איצט מערסטנס פון מילכיקס און גרינסן. קיין פלייש נוצט מען ניט, ווייל פלייש דאַרף מען ברענגען פון אויסלאַנד און פאַר דעם דאַרף מען צאָלן אין דאָלאַרן. דאָלאַרן מוז מען שפּאָרן אויף בילכערע זאַכן. די „צנע" פאַרוועט אפילו צופיל עופות צו שעכטן, ווייל עופות לייגן אייער, טאָר מען זיי ניט קוילן. בלויז אין אַ פּאָר קיבוצים אָדער אין אַ מושב האָבן מיר געגעסן אַ שטיקל עוף. אָבער אפילו פון מילכיקס און גרינסן קען מען, חלילה, ניט שטאַרבן און מיר פילן ניט שלעכט, ניט קוקנדיק וואָס מיר עסן ניט קיין פלייש.

ביי דעם עסן אין עין השופט האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס אין מיין זייט האָט זיך גערודערט און אונזערע באַסטאַנער סוד'ען זיך וועגן עפּעס. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז אין דערפרי האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז דעם טאָג ווער איך 65 יאָר, נו, נו, זאָלט איר שוין גאָר נישט פרעגן. חבר מאָלדאו איז געוואָרן טשערמאַן און אַלע, אַלע פון באָסטאָן, פייגענבוים בתוכם, האָבן געהאַלטן רעדעס און געזאָגט וועגן מיר וואָס באמת איך האָב גאָרניט פאַרדינט. אפילו מיין דוד האָט אויך געהאַלטן אַ רעדע און דאָ איז צונוצגעקומען דער ווײַן וואָס זיי האָבן געקראָגן אין זכרון יעקב, מען האָט געטרונקען לחיים און מיר געוואונשן לאַנגע יאָרן.

איך האָב צו דער געלעגנהייט איבערגעלאָזן הונדערט פונט צום סעקרעטאַר פון עין השופט פאַר די קינדער פון יוגנט־עליה וואָס געפינען זיך אין עין השופט.

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די חברים און זיך אַריינגעזעצט אין די באָסעס און אַרויסגעפאָרן אין עמק יזרעאל, אויפן וועג צו עין חרוד.

עין־חרוד—תל־יוסף

היינט איז שבת, אונזער ערשטער שבת אין תל אָביב. מיר האָבן שוין שבת געהאַלטן אין ירושלים, חיפה און איצט, אונזער לעצטן שבת אין ישראל — אין תל אביב.

מיר זענען אַהער געקומען דאַנערשטיק, פון דאַנען אַרויסגעפאָרן און פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אין נגב אין דער באַרימטער נגבה און אין באר שבע. אויפן דעם וועג צוריק האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין גבעת ברענער, וואו מיר האָבן באַזוכט די בית סירעני און דעם סאַנאַטאָריום. אַ טאָג פריער זיינען מיר געווען אין כפר סבא, אין דעם פיינסטאָון הויז און באַטראַכט דעם צימער פאַר הערי קאַץ.

איז ווי איך האָב אייך דערציילט, אין מיין לעצטן בריוו, זיינען מיר פון עין השופט געפאָרן אין עמק און פאַר אונז האָט זיך אַנטפּלעקט דער טאָל, די פלאַכע לאַנד־שטרעקעס מיט גרינע, באַאַרבעטע פעלדער, כאָטש עס איז איצט כלל ניט דער סעזאָן פון געוויקסן, איז אָבער דער ארץ ישראלדיקער באָדן און דער קלימאַט אַזעלכער, וואָס גיט גרינסן צוויי, דריי מאָל אַ יאָר. אַלץ וואָס מען באַדאַרף איז דעם באָדן באַוואַסערן און אָביסל באַאַרבעטן, וועט ער געטריי געבן צוריק. און ווי אַזוי קינסטלעך צו באַוואַסערן שטרע־קעס האָבן אונזערע ארץ ישראל אידן זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט. ווען מ׳פאָרט אַרום איבערן לאַנד און מען בלייבט נאָר ניט שטעקן אין תל־אביב, זעט מען די איריגאַציע. טויזנטער רערן שטעקן אַרויס זייערע קעפּ־לעך פון די פעלדער און גערטנער און שפּריצן וואַסער איבער דעם באָדן און מאַכן אים פּרוכטבאַר.

אונזער מנהיג דייטעט אָן, אַז לינקס איז משמר העמק, דער יער באַלפור, און עמק בית שאָן. ער דערציילט ווי אַזוי אין 1936 האָבן די אַראַ־בער איינמאָל באַשלאָסן אָפּצושטעלן די אידישע קאָלאָניזאַציע דורך טעראָר און אויסהונגערן די ישובים. ער ווייזט אונז אָן וואו עס געפינט זיך טירת צבי, ביז מיר קומען ענדלעך אָן קיין עין חרוד.

דאָ מוז אונזער גרופּע צעטיילט ווערן, ווייל זי איז צו גרויס, אַז מען זאָל אַלע קענען אַרייננעמען אין איין פּלאַץ. אַ העלפט פון דער גרופּע ווערט איינ־געאָרדנט אין עין חרוד, אין אַ הויז, וואָס איז ספּעציעל געבויט געוואָרן פאַר

אורחים. מען האָט אונז דערציילט, אַז אַ אידישע פרוי פון שיקאַגאָ, קאָהן איז איר נאָמען וואָס האָט באַזוכט עין חרוד און האָט געזען, אַז די וואָס דאַרפן איבערנעכטיקן האָבן ניט געהאַט וואו און זענען געווען ניט באַקוועם, האָט זי צושטייער געגעבן און דאָס הויז איז געבויט געוואָרן.

כאָטש אין דעם הויז זיינען די באַקוועמלעכקייטן נאָך ווייט פון צו זיין מאָדערנע אַזוי ווי אין אַ האָטעל, פונדעסטוועגן איז דאָס שוין אַ שטיק פּראָגרעס לגבי אַנדערע פּלעצער וואו רייזענדע דאַרפן איבערנעכטיקן אין די ישראל דערפער.

די צווייטע גרופּע האָט מען אַוועקגעפירט אין תל יוסף, אַ קיבוץ וואָס געפינט זיך זייער נאָענט פון עין־חרוד.



אויף די פעלדער פון תל־יוסף, וואו שלמה ליפּסקי, דער פאָרזיצער פון קיבוץ, גיט אייניקע אויפקלערונגען וועגן דעם קיבוץ.

נאָכדעם ווי מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט אונזער מאָלצייט וואָס איז פאַר אונז סערווירט געוואָרן אין דעם עס־צימער פון זעלבן הויז, זיינען מיר אַרונטער פון דעם בערגל וואו דאָס הויז געפינט זיך און געגאַנגען צו אַ גרויסן אָפענעם פּלאַץ מיט אַ גרויסער בינע, וואו פירנדע חברים פון עין חרוד האָבן אונז געגעבן אַ האַרציקן וועלקאָמען. זיי האָבן אונז דערציילט וועגן דעם פּראָגרעס פון דעם גרויסן קיבוץ וואָס ציילט איצט איבער 1000 נפשות און האָבן אונז געזאָגט, אַז זיי האָבן אַ געמישטע ווירטשאַפט פון אַגריקולטור, פיש־באַסיינס, שלאָסעריי און סטאָלעריי. קינדער פון עין חרוד האָבן פאַר אונז פאַרגעשטעלט אַ סקעטש, אַ לערערין האָט פאַר אונז געלייענט אין אידיש און העברעאיש און אַזוי האָט זיך די אויפנאַמע געענדיקט שוין

שפּעט אין אָונט, ווען מיר זיינען זיך געגאַנגען אָפּרוען נאָך דעם גאַנצן שווערן טאָג אַרומפּאָרן.

אויף מאָרגן, נאָך גאַנץ פרי, האָבן אונז די חברים גענומען אַרומפירן צו ווייזן דעם משק און זייער ווירטשאַפט און באמת עס איז טאַקע געווען וואָס צו זען. מיר האָבן געזען אַ גוט איינגעפונדעוועטע קאָלאָניע מיט קי, עופות, שאָף, ציגן, גרויסע פעלדער מיט גרינסן, פיש־באַסיינען, וואו זיי האָדעווען קאַרפּ־פיש. יעדער איינער אַרבעט, אַלט און יונג, און משמעות אַז אויף אויסצוקומען האָבן זיי גענוג, און זיי זיינען פאַרנומען מיט אויסברייטערן זייער ווירטשאַפט אויף אַריינעמען מער מענשן.

ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן צו באַטראַכטן די מאַטעריעלע ווירטשאַפט פון דעם קיבוץ, האָט מען אונז אַריינגעפירט אין אַ געביידע וואָס

אויפן דאַך פון בית שטרומאַן אין עין חרוד.

הייסט בית שטרומאַן. דאָס איז אַ ביבליאָטעק און מוזעאום געגרינדעט אויף דעם נאָמען פון זייער חבר שטרומאַן, וואָס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר עין חרוד און תל יוסף.

אין דעם הויז געפינען זיך אויסער אַ גרויסער זאַמלונג פון ביכער, אויך פאַרשידענע מוסטערן פון געוויקסען פון דער געגנט אַרום, מיט קאַרטעס און סטאַטיסטישע איינצלהייטן פון דער גרינדונג און וואוקס פון דעם קיבוץ.

אין בית שטרומאַן, עין חרוד. ז. סבוראי גיט אויפקלערונגען.

עס איז אויך דאָ אין עין חרוד אַ באַזונדער הויז וואו עס געפינט זיך אַ גרויסע זאַמלונג פון קונסט־בילדער און סקולפּטור. דער חבר וואָס איז דער ממונה אויף דעם גיט אָפּ אַ סך צייט אויף די זאַמלונגען. ער האָט אונז גע־פרעגט ווען ער וועט קריגן די בילדער וואָס די באָסטאָנער גרופּע האָט זיי צוגעזאָגט.



באַזוך אין גשר־הזיוו וואו עס געפינען זיך מערסטנטייל די אַמעריקאַנער יוגנט פון הבונים און וואו עס ווערט געבויט אַ נייער ישוב.

דעם צווייטן אָוונט האָבן די עין חרוד׳ער און תל יוסף׳ער אונז גע־געבן אַן אָפּשיידס־אָוונט. אַלע, אַלע מענער, פרויען און קינדער, זיינען זיך צונויפגעקומען אויף אַן אָפענעם פעלד, וואו געדעקטע טישן מיט ענבים און אַנדערע נאַשערייען זיינען צוגעגרייט געוואָרן. די דעלעגאַציע און די דערוואַקסענע פוןביידע קיבוצים זיינען געזעסן ביי טישן און די קינדער זיינען געזעסן אויפן גראָז אין מיטן די טישן.

אַ גרויסער פּראָזשעקטאָר האָט געצייגט בילדער פון דער אַנטוויק־לונג פון ביידע קיבוצים און אַ פילם פון דער צייט פון דער מלחמה. דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט טענץ פון יונגוואַרג.

אין דערפרי, נאָכדעם ווי מיר זיינען נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען דעם משק פון תל יוסף, האָבן מיר זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין.

בעת דעם באַזוך אין מעין ברוך, אַ קיבוץ וואו עס געפינען זיך אַ גרעסערע צאָל פון אונדזערע הבונים.

אפיקים—טבריה—דגניה

מיינע בריוו צו אייך וועגן אונזער שפּאַציר איבער ישראל האָבן זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. מיר האַלטן שוין באַלד אין אָפּפאָרן פון דאַנען און איך האָב אייך אפילו נאָך ניט דערציילט קיין איין פערטל פון אונזער רייזע.

דאָס איז דערפאַר וואָס, ערשטנס, האָבן מיר טאַקע צופיל אַריינגענומען אין אַזאַ קורצער צייט און, צווייטנס, דערפאַר וואָס איך האָב פּשוט נישט וואָס צום שרייבן. יעדע מינוט פון טאָג איז דאָ עפּעס אַנדערש: די שעה גייען מיר צו גאָלדע׳ן, דאָ נעמט אונז אויף שפּרינצאַק, דאָ איז אַ פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון, דאָ דאַרפן מיר באַזוכן די קאָאָפּעראַטיוון, און אין אָוונט גייען מיר זען דעם אוהל, הבימה, די אָפּערע א. א. וו. מען פירט זיך מיט אונז אַזוי ווי מיט אַן אבן טוב, טאָ, ווי־זשע נעמט מען צייט צו שרייבן?

איך האָב שטאַרק מורא, אַז איך וועל אַוועקפאָרן פון דאַנען און וועל ניט קענען דעקן אפילו אַ העלפט וואָס מיר האָבן געזען. און געמיינט האָב איך, אַז איך וועל קענען האָבן, אָדער געבן מער אָדער ווייניקער אַ באַגריף וואָס מיר האָבן געזען, געהערט און דורכגעלעבט. איך וויל נאָך פּרובירן דורך די צוויי טעג וואָס אונז איז פאַרבליבן דאָ צו זיין, צו דערציילן פון אונזערע דערפאַרונגען אין גליל, און אפשר פאַרענדיקן אין דער היים.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון עין־חרוד און תל יוסף אויף דעם וועג קיין טבריה און עמק הירדן געגנט. און אויף דעם וועג האָבן די מנהיגים אונז דערציילט וועגן גדעון און מדין. די לעגענדע פון 300 פוקסן; וועגן דעם מושב בלפוריה דער דרום־זייט פון באַרג, יער באַלפור, דעם אַראַבישן דאָרף געגעגאַר קעגנאיבער דעם תבור, וועגן די 65 קרבנות פון קאַוקודזשי׳ס באַנדיטן און די הילף פון די דרוזן. ביז מיר זיינען געקומען אין קיבוץ אפיקים.

מיר האָבן לאַנג ניט באַדאַרפט גיין, כדי צו זען אַז דאָס איז איינער פון די גאָר גוט איינגעאָרדנטע קיבוצים. די געביידעס, פאַר קינדער און דערוואַקסענע, די עס־צימערן, די רייען בלומען אין און אַרום די געביידעס. אַלץ גיט דעם אויסזען אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען איינע פון די גאָר רייכע אימעניעס פון אַ „פּאָמעשטשיק" אָדער גראַף.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז די חברים פון דעם קיבוץ לעבן אין לוקסוס. ניין, אַלע, אַלע האָרעווען זייער שווער און זיי האָבן, קיין עין הרע ניט, גאָר אַ

גרויסע פֿאַמיליע. 400 חברים און איבער 400 קינדער, צוזאַמען מיט עלטערן און נייע עולים געפֿינען זיך איצט אין אפיקים טויזנט נפשות. זייער ווירטשאַפֿט באַשטייט פֿון גרינסן, קי און שאָף, טראַקס, און, די הויפּט־זאַך, וואָס זיי איז געלונגען צו אַנטוויקלען אַ פֿאַבריק פֿון פֿעניר, איינגעשטעלט מאָדערנע מאַשינען פֿון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, און זייער פּראָדוקט האָט איצט אַ גוואַלטיקן אָפּגאַנג צוליב דעם וואָס מען בויט זייער אַ סך אין לאַנד.

נאָך דער לאַנגער רייזע און קריכן אויף די בערג איז אפיקים געווען פֿאַר אונזער גרופּע דאָס וואָס עס איז אַן אָאַזיס פֿאַר וואַנדערער אין דער מדבר. מיר האָבן זיך אָפּגעוואַשן, מען האָט אונז מכבד געווען מיט אַ גוטן מאָלצייט וואָס איז סערווירט געוואָרן אין אַ גרויסן ליכטיקן עס־צימער. דער חבר משה לעווין האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט וואָס ער זעט פֿאַר זיך אַזוי פֿיל חברים וועמען ער האָט באַגעגנט אויף זיינע רייזעס אין אַמעריקע און האָט זיי אַלעמען האַרציק באַגריסט.

עס איז געוואָרן אַביסל שפּעטלעך. אונזערע פֿירער האָבן זיך געאיילט אומצוקערן קיין טבריה, איידער עס ווערט גאָר שפּעט אין אָוונט.

עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ און צייט צו דערציילן וועגן יעדן איינציקן היסטאָרישן פּלאַץ אויף וועלכן אונזערע וועג־ווייזער האָבן אונז אָנ־

אין אפיקים. משה לעווין, דער סעקרעטאַר פֿון קיבוץ, גיט אויפֿקלערונג און אינפֿאָרמאַציע וועגן קיבוץ.

געוויזן, ווי האָט דאָרט איינער געזאָגט, אַז יעדער שטיינדל און זאַמדל אין ארץ ישראל וואָלט געקענט דערציילן לאַנגע געשיכטעס פון פּאַסירונגען. און בערג און שטיינער און טאַקע זאַמד אויך, איז ברוך השם דאָ גענוג אין ארץ ישראל, וועל איך מער וועגן דעם ניט מאריך זיין און אייך נאָר דערציילן, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין דער היסטאָרישער שטאָט טבריה. זי ליגט ביי דעם כנרת. אָט דערווירקלעך שיינער אָזיערע, וואָס ווערט דאָ באַצייכנט אַלס ים, האָבן מיר לאַנג געהאַט באַמערקט, ווען מיר זיינען אַרומגעפאָרן אין די בערג און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די שענסטע פּאַנאָראַמעס.

מיר האָבן דערוואַרטעט, ווייל מ׳האָט אונז וועגן דעם פריער געוואָרנט, אַז אין טבריה וועט זיין הייסער ווי ערגעץ אַנדערש, אָבער צו אונזער איבערראַשונג איז גראָד געווען גאַנץ קיל. עס האָט פון כנרת געבלאָזן אַ קיל און פריש ווינטעלע, וואָס האָט אונז דערפרישט און מחיה געווען.

אַזוי שנעל ווי מען האָט אונז איינגעאָרדנט אין צוויי האָטעלן איינער לעבן דעם אַנדערן, און מיר האָבן געגעסן אוונט־ברויט, זיינען מיר גלייך איינגעלאַדן געוואָרן פון דער טבריה׳ער לאָקאַלער הסתדרות־פאַרוואַלטונג פאַר אַ קבלת־פּנים

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסער אָפענער קאַפע, טאַקע נעבן כנרת. אַ פירנדער חבר (איך געדענק ניט זיין נאָמען) וואָס איז דער מעיאָר פון שטאָט, האָט אין אַ זאַכלעכער רעדע, אונז באַגריסט און דערציילט וועגן זיינע פּלענער וועגן דער שטאָט טבריה. זיין שטרעבן און אויפגאַבע איז, אַז טבריה זאָל ניט נאָר בלייבן אַן הייליקע שטאָט, וואו עס געפינען זיך די קברים פון ר׳ מאיר בעל נס און ר׳ שמעון בן יוחאי, נאָר זאָל ווערן אַן אינדוסטריע־לע שטאָט און זאָל אויסנוצן די שיינקייט און די מינעראַלן פון דער שטאָט פאַר טוריסטן, וואָס זאָל ברענגען אַרבעט און הכנסה.

עס איז ביי דער פאַרזאַמלונג אויך אָנוועזנד געווען דער קאָמענדאַנט פון דעם פּאָליציי דיסטריקט, אַ חבר פון דער הסתדרות. ער האָט באַגריסט די דעלעגאַציע און זיי געוואונשן, אַז זיי זאָלן זען אַלץ וואָס איז דאָ צו זען אין לאַנד און שיקן אַהער אַ סך אַמעריקאַנער אידן.

מיר קערן זיך אום אין האָטעל גאַנץ מיד פון אַ שווערן טאָג אַרומ־פאָרן. אַלע גייען שלאָפן, כדי מאָרגן דערפרישט פון אַ ביסל רו, זאָלן מיר ווייטער קענען פאָרזעצן אונזער שפּאַציר איבער דער מדינת ישראל.

די גלילס און עמק הירדן

מיר האָבן געוואָלט אוועקפליהען פון דאַנען היינט, דעם 31טן אויגוסט, אָבער עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס דאָס אַפּפליען איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז פרייטיק, דעם 2טן סעפּטעמבער.

און ווייל עס איז מיר איצט געבליבן אַביסל פרייע צייט, וועל איך פּאָרזעצן צו דערציילן וועגן דעם באַזוך פון דער דעלעגאַציע אין די גלילס און דעם עמק הירדן.

שוין אין דער פרי ביי פרישטיק, האָט אונז פייגענבוים מודיע געווען, אַז מיר וועלן האָבן אַ שווערן טאָג פון אַרומפאָרן, ווייל מיר האָבן באַדאַרפט

דענקמאָל פאַר די געפאַלענע ישראל־העלדן אין קאַמף פאַרן גליל התחתון אין סעג׳ערע אויפן וועג קיין טבריה.

באַזוכן דגניה און כפר־בלום. דערנאָך צוריק קיין טבריה און פון דאָרט קיין צפת און חיפה.

אונזערע צוויי באַסעס האָבן געאַרבעט שווער, קריכנדיק אויף בערג מיט זייערע געדרייטע וועגן אַרום דעם כנרת, ביז מיר זיינען געקומען צו אַ זייער שמאָלער „ריטשקעלע״, וואָס איך וואָלט שווערן, אַז יעדער איינער פון אונז וואָלט דאָס געקענט אַריבערשפּרינגען. חברים און חברות! רופט אויס אונזער מנהיג — דאָס איז דער ירדן. מיר שטעלן זיך אָפּ אַ ווײַלע. פאַר יעדן פון אונז איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן ווי עס זעט אויס דער ירדן —

אין דגניה א׳ אויף אַן אַראַבישן טאַנק וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן ביים אַריינדרינגען אין דגניה. איינער פון די עלטסטע חברים, חבר בן־ציון, גיט איבער ווי אַזוי דאָס איז געשען.

עפּעס אַ קלייניקייט דער „ריווער דזשאָרדען״! אָבער מער ווי דאָס שמאָלע טייכל זעען מיר ניט. פאָרן מיר אַריבער דאָס קליינע בריקל און מיר זיינען שוין, הייסט עס, פאָרמעל אין טראַנס־דזשאָרדאַן. מיר אידן האָבן ארום די בערג, וואָס פון איין זייט איז אַבאַדאַלאַ׳ס קעניגרייך, און פון דער צווייטער זייט סיריע אַ גאַנץ היפּשן חלק, ווייל דאָרטן געפינען זיך די דגניה׳ס וואָס זיינען פון די עלטסטע קבוצות אין לאַנד און וואָס האָבן בייגעטראָגן אַזאַ גרויסן חלק פון קרבנות אין אָפּשלאָגן אַבדאַלאַ׳ס לעגיאָנען ווען זיי האָבן זיך מיט טענקס און שווערע קאַנאָנען אַראָפּגעלאָזט פון די בערג צו פאַרניכטן און איינגעמען די אידישע ישובים אַרום.

די 42 העראָאישע גבורים פון דגניה, וועלכע ליגן באַגראָבן אין אַ רייע אויף דגניה׳ס בית עולם, זאָגן עדות אויף דעם פאַרביטערטן קאַמף וואָס אונזערע חברים האָבן מיטגעמאַכט. די גוט־איינגעפונדעוועטע דגניה איז שוין טאַקע באַלד געווען ביי דעם שונא אין די הענט. אַ סך פון די געביידעס זיינען צעשטערט געוואָרן, קי דער׳הרג׳עט, קיין סך געווער איז אין די אידי־שע הענט ניט געווען און זיי האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט היימיש־גע־מאַכטע פלעשער מיט בענזין וואָס זיי האָבן גערופן: אַ „מאָלאָטאָוו קאַקטעיל״, אָפּצושלאָגן די גרויסע טענקס מיט די קאַנאָנען. די פלעשער זיינען באַר

געווען עפעקטיוו, ווען זיי זיינען געוואָרפן געוואָרן אַ פּאָר מעטער לעבן די טענקס. איינער פון די גרויסע טענקס ליגט טאַקע אַ צושטערטער אין אַ הויף פון דגניה אַלס זכר און איז אַ מאָנומענט פאַר דער גבורה וואָס די דגניה׳ער אידן האָבן באַוויזן.

דער חבר בן־ציון פון דגניה פירט אונז אין משק און ווייזט אונז זייערווירטשאַפט, אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר אונז געפינען מיר אין בית גאָרדאָן, וואָס די דגניה׳ער האָבן אויפגעשטעלט. אינעווייניק זיינען מיר באמת פאַרכאַפּט געוואָרן צו זען אַ מוזעאום פון יעדן מין באַשעפעניש וואָס לעבט אָדער האָט געלעבט אין לאַנד. אַלערליי פויגל, עופות און קריכנדיקע באַשעפענישן ביז אַלערליי געוויקסן א. א. וו.

צו באַטראַכטן אַלץ וואָס זיי האָבן אויסגעשטעלט וואָלט מען דאָרט באַדאַרפט פאַרברענגען אַ פּאָר טעג. דער וואונדער איז, וואָס אַזאַ הייפעלע מענשן פון דגניה האָבן אַזעלכעס געקענט באַווייזן.

דער חבר בן־ציון דערציילט וועגן דעם לעבן פון א. ד. גאָרדאָן וואָס האָט געלעבט אין דגניה און אויף וועמעס נאָמען דער מוזעאום רופט זיך. אונזערע באַסטאַנער איז דגניה ספּעציעל באַקאַנט צוליב דעם וואָס יוסף באַראַץ און זיין פאַמיליע קומען פון דאָרט. באַראַצ׳ן האָבן מיר דאָרט ניט געטראָפן, ווייל ער איז אין תל־אביב, זייענדיק אַ מיטגליד פון דער כנסת.

ביי בערל קאַצענעלסאָנ׳ס קבר אויף דעם בית־עולם אין כנרת.



די מצבה פון דעם באַליבטן ציוניסטישן אַרבעטער פירער בערל קאַצענעלסאָן ע״ה.

די גאַנצע דעלעגאַציע באַזוכט דעם קבר פון א. ד. גאָרדאָן און אויך דעם רו־פּלאַץ פון דעם גרויסן לערער און אידעאָלאָג פון אי־דישן אַרבעטער־ציוניזם, בערל קאַצענעלסאָן.

דער בית עולם איז זייער אַן אינטערע־סאַנטער, ווייל אויסער די צוויי פּראָמינענטע מענשן געפינען זיך דאָרטן אויך די קברים פון די 42 אידישע גבורים וואָס האָבן אַוועק־געגעבן זייער יונגן לעבן פאַר דער פאַרטיי־דיקונג פון ישראל בכלל און פון דגניה בפרט. נאָך דעם ווי עס ווערט דורכגעפירט אַ קורצע צערעמאָניע מיט אַן „אל מלא רחמים״, הויבן מיר אָן די לאַנגע רייזע צו כפר־בלום.

מיר פאַרלאָזן דעם גליל התחתון און פאָרן אַריין אין דעם גליל העליון. אונזערע צוויי באָסעס קאַטשען זיך אַרויף און אַראָפּ אויף די בערג, נאַקעטע, פיל מיט שטיינער אַזוי, אַז עס דוכט זיך, אַז די שטיינער פון דער גאַנצער וועלט האָט דער גרויסער בורא צעשאָטן אויף די בערג. עס וואונדערט נאָר ווי אַזוי עס איז געווען מעגלעך צו שניידן וועגן אויף די שטיינערנע משופּע׳־דיקע בערג. מיר פאָרן פאַרביי די פּריוואַטע קאָלאָניע ראש פינה און פאָרן אַריין אין דער באַרימטער חולה (כולאָ) געגנט, וואו עס איז געווען און וואו עס איז איצט נאָך אויך דאָ אַזוי פיל זומפּן. גרויסע שטרעקעס פון דעם לאַנד האָט מען שוין אויסגעטריקנט און געזונט געמאַכט און אַ סך בלייבט נאָך געזונט צו מאַכן און באַארבעטן.

פון דער געגנט קען מען דייטלעך זען דעם באַרג חרמון, דער העכסטער פון די אַלע בערג אין דער געגנט. אונזערע וועג־ווייזער שטעלן זיך פון צייט־צו־צייט אָפּ און דערציילן אונז וועגן יעדן פּונקט, וועגן יעדן באַרג וואו שלאַכטן זיינען פאָרגעקומען, וועלכע אַראַבער זיינען אַנטלאָפן און וועלכע זיינען גע־בליבן פריינטלעך און אַזוי ווייטער.

אונזערע באָסעס פאַרקערעווען זיך אין אַ זייט פון שאָסיי וועג און מיר הויבן אָן צו פאָרן אויף אַ וועג וואָס איז פול מיט גריבער, — אַ וועג וואָס טרייסלט, מיינע שונאים, אַרויס די נשמה.

אָבער ענדלעך קומען מיר צו כפר־בלום.

כפר בלום—כפר גלעדי — צפת

אין כפר בלום זיינען מיר אָנגעקומען אַ האַלבע שעה פאַר מיטאָג און אַביסל פריער ווי די חברים האָבן דערוואַרט, אַזוי אַז מיר האָבן גע־טראָפן כמעט יעדן ביי דער אַרבעט.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און קילע פלעצער, וואו צו אַנטלויפן פון דער היץ, האָבן מיר געפונען ווייניק. כפר בלום האָט נאָך ניט די ווירט־שאַפט, און געביידעס וואָס אַנדערע, שוין איינגעפונדעוועטע קבוצות אָדער קיבוצים, האָבן זיך איינגעשאַפט, ווייל מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ בלויז עפּעס מער ווי פיר יאָר זינט זיי זיינען אַרויף אויף לאַנד.

דער עס־צימער איז אַ קליינער און אַן אָרימער. אַן אָרט וואו זיך אַרומצואוואַשן און פלעצער פאַר נאַטירלעכע פונקציעס זיינען ניט קיין באַקוועמע אפילו נאָך דעם סטאַנדאַרד פון אָרימע קיבוצים.

די באַסטאָנער חברים, וואָס האָבן אַזוי פיל באַקאַנטע, חברים און חברות דאָ אין כפר בלום, האָבן געוואַרט זיי צו באַגעגענען און עס האָט טאַקע לאַנג נישט גענומען ווי היי סענדערסאָן האָט זיך באַוויזן אַן אויס־געשמירטער און באַוואקסענער אין די בגדים וואָס ער באַנוצט ווען ער אַרבעט מיט דעם טראַקטאָר ביים אקערן די ערד. אין דער צייט וואָס ער האָט זיך געוואַשן און אַרומגערייניקט זיינען אונטערגעקומען די עלטערע אַלפּערן, זיינע קינדער, פיליפּ באַראָן, מיצי לעווקאָוויטש. עדי פּאַרסאָנס, האָבן זיי אונז געזאָגט, איז אַוועקגעפאָרן אין אַ האָספּיטאַל אָפּנעמען זיין ווייב און דאָס דריטע מיידעלע, וועלכע זי האָט אים געבוירן.

עס איזווירקלעך געווען אַ פרייד פאַר די באַסטאָנער און פאַר די חברים פון כפר בלום זיך צו באַגעגענען. נאָך לענגערע געשפּרעכן האָבן זיי אונז באַוויזן דעם משק און די ווירטשאַפט וואָס זיי האָבן זיך שוין איינ־געשאַפט און אונז דערציילט וועגן נאָך מער וואָס זיי האָבן נאָך ניט און דאַרפן זיך ערשט איינשאַפן.

זייער אַ סך פון דער גרופּע אין כפר בלום האָבן נאָך ניט קיין הייזער וואו צו וואוינען און געפינען זיך מיט זייערע פרויען און קינדער איןביידלעך, ווייל זיי פעלן די מיטלען צו בויען הייזער.

אָבער פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף די קערפּערלעכע ליידן, דער ערנסטקייט פון דער וואוינונגס־פּראָבלעם און דער שווערער פּראַצע, האָט זיך קיינער פון זיי ניט באַקלאָגט און זיי הויבן אפילו ניט אָן צו טראַכטן פון פאַרלאָזן דאָס לעבן אין דער קבוצה און זיך אומקערן אַהיים.

אונזער דעלעגאַציע האָט געגעסן מיטאָג און האָט געקראָגן אַ האַר־ציקע באַגריסונג פון די פירנדע חברים. ווען מיר זיינען פּאַרטיק געוואָרן האָבן אונז די חברים פון כפר בלום געפירט אָנצוקוקן די גרויסע באַסיינען, וואו זיי האָדעווען די קאַרפּ־פיש, וואָס גיט זיי מערסטנס פון זייער הכנסה.

עס איז מערקווירדיק ווי אַזוי די ארץ ישראל׳דיקע אידן רייסן אַרויס פון דער ניט־פריינטלעכער נאַטור פּראָדוקטן, וואָס קיינער האָט וועגן דעם גאָר ניט גע׳חלומ׳ט אַז דאָס איז מעגלעך. איז ניטאָ קיין וואַסער, גראָבט מען אַזוי טיף ביז זיי קריגן וואַסער. איז ניטאָ קיין רעגן, מאַכן זיי קינסטלעכע איריגאַציע. איז ניטאָ קיין נאַטירלעכע טייכן פאַר פיש, גראָבן זיי אויס קינסטלעכע גריבער, לאָזן אַריין וואַסער און האָדעווען פיש.

און געדענקען דאַרפן מיר, אַז פיש אין ישראל איז זייער אַ נויטיקער גאַנגבאַרער מאכל, ווייל קיין פלייש איז איצט כמעט ניטאָ. אין ישראל

ביים קבר פון יוסף טרומפּלדור און זיינע חברים וועלכע זיינען געפאַלן ביים פאַרטיידיקן תל־חי. אַלעקסאַנדער קרול, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון כפר־גלעדי, גיט איבער איינצלהייטן וועגן דעם קאַמף פון יוסף טרומפּלדור און זיינע חברים.

האָדעווען זיי ניט קיין קי צו שעכטן פאַר פלייש, און אויף אַריינפירן פלייש פון אַנדערע לענדער דאַרף מען האָבן דאָלאַרן.

דערפאַר האָבן זיך אַ סך קבוצות און קיבוצים גענומען צו די באַסיי־נען פאַר האָדעווען פיש, און די גרעסטע פון זיי איז אין כפר בלום.

די הכנסה פון די פיש, וואָס כפר בלום קריגט, גיט זיי די מעגלעכ־קייט אָנצופירן אַנדערע ווירטשאַפטן און מיט דער צייט האָפן זיי, אַז זיי וועלן קענען אויסבויען גענוג הייזער, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן וואוינען אין ביידלעך.

מיר געזעגענען זיך מיט די חברים פון כפר בלום און מיר פאָרן אַרויס צו כפר גלעדי אין תל חי צו טרומפּעלדאָר׳ס קבר.

כפר גלעדי איז אַן אַלטער קיבוץ. ער עקזיסטירט שוין 33 יאָר און האָט שוין אַ גוטע, איינגעכּונדעוועטע ווירטשאַפט. זיי ציילן איצט 875 נפשות און זיינען אימשטאַנד צו פירן זייער לעבן אויף אַ העכערן סטאַנ־דאַרד. זיי האָבן אַריינגענומען צו זיך אַ גרויסע גרופּע קינדער־עולים פאַר הכשרה און לערנען זיי צו זיין נוצלעכע אַרבעטער. אונזער קומען צו כפר גלעדי האָט זיך פאַר־שפּעטיקט און עס איז שוין געוואָרן טונקל. פונדעסטוועגן האָבן די חברים פון כפר גלעדי אונז ניט אַוועקגעלאָזן ביז מיר וועלן טרינקען טיי און פאַרבייסן מיט נאַשערייען און ענבים. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט זיי און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין טבריה פאַר אָוונט־ברויט און נאַכטלעגער.

די מצבה אויפן בית־עולם אין תל־חי פאַר יוסף טרומפּלדור און די אַנדערע געפאַלענע העלדן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גאַנץ פרי האָבן מיר איבערגעביסן און ווייטער אַוועק אין וועג. מיר באַזוכן ר׳ עקיבא׳ס קבר, וואָס געפינט זיך אין טבריה אויף אַ בערגל און אויך די קברים פון געפאַלענע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אומגעקומען קעמפנדיק אין טבריה׳ער ראַיאָן, וואָס געפינט זיך אויף דעם זעלבן בערגל פון ר׳ עקיבא׳ס קבר.



ביים אַרויפפאָרן קיין צפת. דאָס איז אַן אומפאַרגעסלעכע פּאַנאָראַמע וואָס וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון די אַלע וואָס זיינען דאָרט געווען. אין דער הויך אויפן סאַמע העכסטן שפּיץ ליגט די אַ.ט באַנייטע היסטאָרישע צפת.

אונזערע באָסעס פאָרן ווייטער, שלענגלען זיך אַרום די בערג און קריכן אַרויף אויף דעם באַרג כנען, וואָס געפינט זיך אין דעם געגנט פון צפת און וואָס איז דער העכסטער אין דער געגנט.

מיר אין די באָסעס ווערן פאַרכאַפּט פון דער וואונדערלעכער פּאַנאָראַמע און הייסן די באָסעס זיך אָפּשטעלן. אַלע גייען אַרויס און מיר קענען זיך זאַט ניט אָנקוקן פון דעם צויבער אַרום. אונזערע „גאַידס" ציינגן אונז אָן אויף דעם טאָל חיתים און דעם דאָרף אויפן זעלבן נאָמען, אויך אויף דעם דאָרף מצפּה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון פּריוואַטע קאָלאָניסטן און איז אַזוי פאַרבליבן. זיי דערציילן אונז וועגן קרית שמואל, אויף הערבערט סעמיועל׳ס נאָמען און ווייזן אונז אָן אויף אַ גרויסער פּאָליציי־סטאַנציע, איינע פון די 42 אַזעלכע גרויסע פּאָליציי געביידעס, וואָס די ענגלענדער האָבן אויפגעשטעלט איבער דעם לאַנד און זיינען איצט פאַרנומען פון דער ישראל־אַרמיי.

נאָכדעם ווי מיר האָבן גוט באַטראַכט די פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע אַרום, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזן פון דעם באַרג און אַריינגעפאָרן אין דער שטאָט צפת.

⁂

איך האָב אייך שוין דערציילט אין מיין פאָריקן בריוו וואָס פאַר אַ גוואַלטיקן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף דער גאַנצער דעלעגאַציע די וואונ־

דערבאַרע פּאַנאָראַמע, ווען מיר זיינען אויפגעשטיגן אויף דעם באַרג כּנען. פון דער הויך האָבן מיר געקענט זען די גאַנצע שטאָט צפת, דעם באַרגיקן טייל און דעם טייל פון דער שטאָט, וואָס ליגט צופוסנס פון באַרג אַרום דעם ים כּנרת.

דאָ אויף דעם שפּיץ באַרג געפינט זיך אַ גרויסער האָטעל וואָס באַדינט טוריסטן און אַזעלכע מענשן וואָס קומען אַהער זיך אָפּרוען.

מיר זיינען אויף דעם באַרג געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע און זיך ניט גע־קענט זאַט אָנקוקן פון דער שיינער לאַנדשאַפט אַרום. עס איז מַמש געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק. כאָטש אונזער צייט איז געווען אויסגערעכנט, ווייל מיר האָבן אין דעם זעלבן טאָג באַדאַרפט באַזוכן די שטאָט צפת, די קאָנוואַלעסענט־היים פון דער הסתדרות, וואָס געפינט זיך דאָ דערביי און נאָך קומען קיין חיפה, האָבן מיר זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון אָט־די בערג, אַרומגערינגלטע מיט נאַטור־שיינקייטן.

דורך געדרייטע בערגיקע וועגן האָבן מיר גראַדעונוויז אַראָפּגענידערט פון די הויכקייטן פון דעם באַרג און זיך דערנענטערט צו דער אַלטער היסטאָ־רישער שטאָט צפת.

מיר זיינען אַרויסגעשטיגן פון די באָסעס און דורך אַ סך שורות טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען נידעריקער און נידעריקער צו דער אַלטער שטאָט.



אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ באַגריסט אין נאָמען פון דער פאָלקס־דעלעגאַציע דעם סאַנאַטאָריום פון קופּת חולים אין צפת.

מען האָט אונז דערציילט, אַז די אַראַבער האָבן אַלעמאָל געוואוינט אויף די בערג און אַז ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָבן זיי, די אַראַבער, געהאַט די זייער גינסטיקע פּאָזיציע פון זיין אויבן און אַראָפּשיסן אויף די אידן פון אונטן.

דאָס וואָס האָט פּאַסירט, ווי אַזוי די פּאָר טויזנט אַראַבער, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גינסטיקע פּאָזיציע און ניט ווייניק וואָפן, איז אַ נס וואָס וועט פאַרשריבן ווערן לדור דורות, אַזוי ווי דער נס פון פורים און חנוכה. איצט זיינען דאָ זייער ווייניק אַראַבער אין צפת און די שטאָט איז כמעט ריין־אידיש. אין די הייזער, וואָס זיינען געבליבן פון די אַנטלאָפענע אַראַבער, האָט מען באַזעצט נייע אָנגעקומענע אידן.



בית הכנסת פון האר״י ז״ל אין צפת.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די זון האָט נישקשה׳דיק צוגעבאַקן. אָבער אונזער דעלעגאַציע, ניט קוקנדיק וואָס עס איז געווען אַזוי הייס, האָט דורכגעשפּאַצירט די ענגע, שמאָלע געסלעך פון צפת, וואו פון איין הויז צו דעם צווייטן אַנטקעגן קען מען זיך געבן אַ שלום־עליכם. מיר האָבן באַטראַכט די פרומע, אַלטמאָדישע אידן מיט בערד און פאות. אַ סך האָבן מיט די הענט פאַרשטעלט זייערע פּנים׳ער ווען עמיצער פון די דעלעגאַטן האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו נעמען פון זיי אַ בילד.

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ זייער אַלטער שול, די שול פון אר״י הקדוש, אָנצוקוקן דאָס אַלטע הויז און זיך טאַקע אַביסל אָפּרוען. קיין מתפּללים

זיינען דאַן אין דער שול ניט געווען אויסער איין יונגערמאַן מיט אַ פּנים פון אַ הייליקן, וועלכער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ ספר און האָט אפילו קיין איין מאָל ניט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויף דער גרופּע מענשן, וואָס זיינען פלוצלונג אַריינגעקומען אין דער שול.

אונזער מנהיג האָט דערציילט וועגן דער שול, ווי אַלט דאָס הויז איז, ווי מען האָט עס איבערגעבויט, א. א. וו. אָבער דער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע מחשבות׳ן, איז די גאַנצע זאַך ניט אָנגעגאַנגען און ער האָט אפילו ניט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. פּאַרטיק געוואָרן אַרויס־צוגיין, האָט יעדער איינער אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר מטבעות אין אַ גרויסער פּושקע, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און מיר זיינען געגאַנגען צו די באָסעס וויטער פאָרצוזעצן אונזער רייזע.

עס איז אָנגענומען ביי דער וועלט, אַז דאָס סקאָטישע פאָלק איז קאַרג און שפּאָרזאַם. טויזנטער ווערטלעך ווערן געוואָרפן אויף זייער רעכנונג ווי קאַרג די סקאָטלענדער זיינען. אָבער אויף אויפצובויען אַ רעליגיעזן קאַלעדזש זיינען אפנים די סקאָטלענדער גאָר נישט קאַרג.

די פּראַקטפולע געביידעס זיינען איצט פאַרנומען פון קופּת חולים און ווערן באַנוצט אַלס קאָנוואַלעסענט־הויז, וואו קראַנקע הסתדרות חברים, וואָס דאַרפן זיך דערהאָלן, קומען אַהער כדי צוריקצוגעווינען זייערע כוחות.

די ערשטע הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע פאַר אַ באַזוך אין קיבוץ דן אין צפון.

די געביידעס זיינען אַרומגערינגלט מיט ביימער און בלומען און האָבן געגנוג פּלאַץ פֿאַר די פּאַציענטן צו שפּאַצירן און צו זיצן באַקוועם אין דרויסן אויף דער פֿרישער לופֿט.

נאָך דעם ווי אונזער דעלעגאַציע האָט אַרומגעשפּאַצירט און באַ־טראַכט די געביידעס פֿון דער הסתדרות אינסטיטוציע, זיינען מיר איינגעלאַדן געוואָרן אין אַן אונטערשטן עטאַזש פֿאַר צובייסן.

לאַנגע, ריין־געדעקטע טישן זיינען געווען אויסגעשטעלט, וואו מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט און מיר זיינען סערווירט געוואָרן מיט אַלערליי פֿריש־געבאַקענע טאָרטן, וואָס זיינען ווירקלעך געווען טעם גן־עדן.

נהריה—קרית־חיים—חיפה

ווידער האָבן אונזערע באָסעס דורכגעשניטן די שמאָלע וועגן אין די בערג. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דערפער פון קריסטלעכע אַראַבער (דרוזן) מיט גרויסע פעלדער פון גוט קולטיווירטע אליוו־בוימער. די דרוזן זיינען אַלעמאָל געווען פריינטלעך צו אידן און האָבן ניט געקעמפט אין דער מלחמה קעגן ישראל.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דעם ים התיכון, ווי זיי רופן אים אין ישראל, און איז באַקאַנט אַלס דער מעדיטערעניען. באַלד זיי־נען מיר אַריינגעפאָרן אין אַ שטעטעלע פון אַ מאָדנעם אויסזען — האַלב שטאָט, ווייל איך האָב באַמערקט גאַנץ שיינע קראָמען, אָבער פאָרט ניט קיין שטאָט, צוליב די בוימער, בלומען, און אַזוי ווייטער. גיכער וואָלט איך דאָס אָנגע־רופן דאַטשע אָדער רעזאָרט ביים ים.

אָט דאָס שטעטעלע ביי דעם ים הייסט נהריה, און איז געגרינדעט און באַוואוינט פון דייטשישע אידן. עס האָבן דאָס די „יעקעס", ווי מען רופט

אויף די איבערגעבליבענע טרעפּ פון דער אַמאָליקער עכו־פעסטונג.

זיי דאָ, געמאַכט אַ דעם רעזאָרט לעבן דעם ים, וואָס זעט אויס ווי אַ שטעטעלע אין פלאָרידאַ.

אונזערע באַסעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רעסטאָראַן, וואו אונ־זער דעלעגאַציע האָט געגעסן מיטאָג אין דרויסן, אונטער ביימער און אונ־טער דעם בלויען הימל.

פאַרטיק געוואָרן מיט מיטאָג אין נהריה׳ער רעסטאָראַן, זיינען מיר ווידער אַריינגעשטיגן אין די באַסעס און געפאָרן ווייטער צו אונזער נעקסטן באַזוך אין עכו (אַקו).

אין עכו זיינען פאַר דעם אַראַבישן קריג געווען כמעט דורכאויס אַראַבער. דאָרט געפינט זיך די באַרימטע טורמע־פעסטונג, וואָס אַהין האָבן די ענגלענדער פאַרשיקט ניט נאָר קרימינעלע פאַרברעכער נאָר טאַקע אויך אונזערע פאָליטישע „פאַרברעכער״, וואָס האָבן ניט געקענט איינשטימען מיט זיי וועגן די פאַרמאַכטע טירן פאַר אידן אין ישראל.

מיר האָבן באַטראַכט די טורמע פון אַלע זייטן און נאָכאַמאָל געהערט די מעשה ווי אַזוי די אירגוניסטן וואָס זיינען דאָ געווען פאַרשפאַרט זיינען פון דאָרטן אַנטלאָפן, און מיר האָבן גענומען אַ שפּאַציר איבער די שמאָלע געסלעך פון עכו, וואו עס געפינען זיך אַ סך אַראַבישע קרעמלעך. אָט אין די שמוציקע געסלעך פאַר כמעט ליידיקע קרעמלעך זיינען געזעסן אַראַבער. זייער הלבשה און צרה׳דיקער אויסזען האָט געמאַכט זייער אַ דערדריקנדיקן איינדרוק.

אין עכו אויפן הויף פון דעם גרעסטן אַראַבישן מאָסק (געבעט־הויז).

זיי האָבן באַטראַכט אונז, פרעמדע מענטשן, אָבער אויף זייערע פּנים׳ער האָט מען ניט געקענט באַמערקן קיין אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. אפילו אונזערע פילם אַפּאַראַטן האָבן ניט געשטערט זייער פלעגמאַטישקייט. און אַזוי זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן מאַרק, ביז מיר זיינען געקומען צו אַ מאָסק, וואו מיר זיינען אריינגעגאַנגען צו באַקוקן ווי אַזוי אַ מוסולמע־ניש געבעט־הויז זעט אויס. אָבער איידער מיר האָבן געקענט באַטראַכטן דאָס הויז, האָבן מיר אַלע געמוזט אויסטאָן אונזערע שיך און זיי איבערלאָזן אין דרויסן.

און אין זאַכן, ווי ביי אונז, להבדיל, תשעה באב, זיינען מיר אַריין אינעווייניק, טרעטנדיק אויף שטרויענע, אויסגעשפּרייטע „מעטס", האָבן מיר אַרומגערינגלט דעם שמש — אַן אַראַבער וואָס האָט אין אַ געבראָכענעם ענגליש אונז פּרובירט דערציילן וועגן דעם מאָסק, ווי אַזוי זיי דאַווענען דאָרט. אונזער „גאַיד" האָט ביי אונז גענומען צו 5 פּיאַסטער פאַר דעם שמש, וואָס האָט אונז אַריינגענומען אין דעם הייליקן הויז. אַרויסגייענדיק האָט יעדער איינער באַדאַרפט זוכן זיינע שיך און עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט ביז יעדער איינער האָט זיי געפונען כדי צו קאָנען גיין ווייטער.

ביים סיטי האָל פון דער אַמאָליקער אַראַבישער עכו.

מידע און פאַרמאַטערטע פון טאָג אַרומוואַנדערן זיינען מיר ווייטער געפאָרן. אַ סך פון אונז האָבן שוין געוואָלט זיך דערשלאָגן קיין חיפה אין אַ האָטעל, אום צו קענען אַרומוואַשן זיך און אָפּרוען. מיר זיינען צוגעקומען ביט וויט פון חיפה׳ער פּאָרט און האָבן שוין געקענט אפילו זען די גרויסע אויל־טאַנקען וואָס פלעגן באַדינען די ראַפינעריעס וואָס ביז דעם אַראַבישן קריג איז אַהין געפלאָסן אויל דורך רערן פון איראַק. איצט אַרבעטן ניט די ראַפינעריעס און די גרויסע טענקס שטייען ליידיק.

אין די ראַפינעריעס האָבן געאַרבעט איבער 3 טויזנט אַרבעטער, אַרום 40 פּראָצענט אידן. דאָס זיינען די ראַפינעריעס וואָס פאַר דעם אויסברוך פון קריג האָבן די אַראַבישע אַרבעטער געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די אידישע אַר־בעטער און האָבן אַ פּאָר הונדערט פון זיי דער׳הרג׳עט.

אין אַ זייט, איידער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, האָבן מיר באַמערקט אַ גרויסע שטרעקע לאַנד אָנגעפילט מיט הילצערנע קאַסטנס. די קאַסטנס זיינען פון גאָר אַ גרויסן פאָרמאַט אַזוי, אַז צונויפקלאַפּנדיק אַ פּאָר פון זיי קען דאָס זיין די גרויס ווי פון אַ קליינער הייזקע אָדער גאַראַזש. אַ סך פון די קאַסטנס ווערן טאַקע באַנוצט פאַר צייטווייליקע וואוינונגען פאַר ניי־אָנגעקומענע און ווערן אָנגערופן צריפים.

אויף אונזערע פראַגן ווארום אַזוי פיל קאַסטנס און צו וועמען זיי באַ־לאַנגען, האָבן אונז די „גאַידס" דערקלערט, אַז די קאַסטנס באַלאַנגען צו די אָנגעקומענע עולים, וועלכע געפינען זיך אין די קעמפּס. די רעגירונג איז געצוואונגען צו עפענען אַלע קאַסטנס ווען זייערע אייגענטימער דאַרפן זיי אַרויסנעמען פון צאָל־אַמט, ווייל אַ סך זאַכן פלעגט מען אין די קאַסטנס אַריינברענגען פאַר ספּעקולאַציע און אַזוי אַרום אָנפירן אַ שוואַרצן מאַרק.

מיר האָבן זיך געוואונדערט וויפל צייט עס דאַרף נעמען צו עפענען אַזוי פיל קאַסטנס וואָס פאַרנעמען אַזוי פיל אַקער לאַנד?

אָבער אָט זיינען מיר שוין באַלד אין חיפה און קומען אַריין אין קרית חיים, אַ פאָרשטעטל פון חיפה. קרית חיים, אַזוי ווי קרית עבודה אין תל אביב, איז אַן אַרבעטער קוואַרטאַל, אָדער בעסער געזאָגט אַן אַרבעטער שטעטל. הונדערטער קליינע, צעמענטענע הייזקעלעך זיינען אויסגעשטעלט איינע לעבן די אַנדערע, אָפּגערוקט געגוג פאַר אַ גערטנדל, פאַר אַ פּאָר בלי־מעלעך, גרינסן און בלומען.

קרית חיים, גלויב איך, איז עלטער פון דער קרית עבודה אין תל אביב, ווייל ווען איך האָב באַזוכט חיפה מיט 12 יאָר צוריק, איז שוין דאַן געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב פון דער קריה. אין די הייזקעלעך וואוינען אַר־בעטער, וואָס זיינען אַליין די בעלי־בתים פון די הייזער און אַרבעטן אָדער ביים ים אָדער אין חיפה.

ענדלעך זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין שטאָט. אונזער האָטעל „כר־מליה", וואו מיר זיינען איינגעשטאַנען די פּאָר טעג, וואָס מיר האָבן פּאַר־בראַכט אין חיפה, געפינט זיך אויף דעם „הדר הכרמל", וואָס איז אין מיטן פון באַרג. אָבער אײדער אונזערע באָסעס זיינען אַרויפגעקראָכן אויף דעם באַרג, זיינען מיר דורכגעפאָרן איייניקע גאַסן פון דעם נידעריקן טייל פון חיפה און מיר האָבן געזען ווי די הייזער פון אַ סך גאַסן זיינען צעשטערט און אויפ־געריסן. מיר האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָרט זאָלן האָבן פאָרגע־קומען אַזוינע פאַרביטערטע שלאַכטן און די הייזער זאָלן אַזוי צושטערט ווערן. קיין באַפרידיגנדיקן ענטפער האָבן מיר פון אונזערע „גאַידס" ניט געקענט קריגן, ווייל זייער ענטפער איז געווען, אַז אייניקע הייזער זיינען צושטערט געוואָרן אין דער צייט פון מלחמה און אַז אייניקע האָט מען געמוזט אויפרייסן צוליב סאַניטאַרע באַדינגונגען.

מיר זיינען דערנאָך געוואויר געווארן, אַז מיט די הייזער אין חיפה האָבן די ישראל סאָלדאַטן געטאָן דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אַ סך אַראַבישע דערפער. זיי האָבן פּשוט זיי אויפגעריסן, כדי די אַראַבער זאָלן ניט האָבן וואוהין זיך אומצוקערן.

חיפה, וואָס האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 60 טויזנט אַראַ־בער, האָט איצט בלויז אַרום 4 טויזנט. אין די הייזער, וואָס מען האָט ניט אויפגעריסן, וואוינען איצט די ניי־אַריינגעקומענע עולים.

מיר האָבן שוין פון לאַנג געהאַט באַמערקט, אַז די ישראל אידן האָבן שטאָט־פּאַטריאָטיזם. די ירושלים׳ער אידן, למשל, גלויבן, אַז ירושלים איז די בעסטע און שענסטע שטאָט אין דער וועלט, אַז קיין שטאָט קען זיך מיט איר ניט פאַרגלייכן אין שיינקייט און אין קלימאַט. די תל־אביב׳ער ווערן ניט מיד צו רעדן פון תל אביב, ווי שיין, ראַשיק און מאָדערן תל אביב איז. אָבער אַ חיפה׳ער איד איז אַזוי פאַרליבט אין חיפה, אַז ער וועט אייך זאָגן, אַז די שטאָט איז פּשוט אַ גן עדן אויף דער וועלט. ער וועט אייך דערציילן

וועגן דעם פּרעכטיקן ים, דעם כרמל־באַרג, די שיינע קראָמען און גרויס־אַרטיקע אַפּאַרטמענט־הייזער, א. א. וו. אָבער אונז, מיד פון אַרומשלעפּן זיך איבער די וועגן, שטעטלעך און דערפער, זיינען דערווייל אָט די אַלע זאַכן ניט אָנגעגאַנגען. מיר האָבן געוואָלט זיך רײַן מאַכן און זיך אָפּרוען. מיר האָבן דעריבער אָפּגעשטאַט אין דעם האָטעל „כרמליה" וואָס באַלאַנגט, אגב, צו דער הסתדרות, — פאַר אַ פּאָר טעג רו.

דאָס איז געווען פרייטיק־צו־נאַכט. אין חיפה האָבן מיר ניט געפילט די שטילקייט און רו פון שבת, ווי מיר האָבן דאָס באַמערקט אין ירושלים און אין תל אביב. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין חיפה ווערט דער טראַנספּאָרט פון באָסעס ניט אָפּגעשטעלט אום שבת ווי אין אַנדערע שטעט. די באָסעס, טעקסיס און אויטאָמאָבילס וואָס לויפן אַרום אין חיפה און דאַרפן קלעטערן די באַרגיקע גאַסן, מאַכן אַן אַ טומל און ווערן נישט שטיל אום שבת. ניט אומזיסט רופט מען חיפה די „רויטע שטאָט".

זיך אויסגערוט די נאַכט, זיינען מיר אויפגעשטאַנען שבת פרי דער־פרישט, פאַרטיק פאַרצוזעצן אונזער שפּאַציר איבער דער מדינה.

דאָס ערשטע אויף דער טאָג־אָרדנונג, האָט מען אונז מודיע געווען, וועט זיין אַ „רעסעפּשאַן" פאַר אונז פון דער אָנפירונג פון חיפה'ער הסתדרות. אַרום 11 אַזייגער אין דער פרי אין אַ שיינעם טעאַטער, וואָס באַלאַנגט, אגב,

ביים עפנטלעכן פייערלעכן קבלת־פּנים אין גרויסן טעאַטער־זאַל אין חיפה. פון רעכטס צו לינקס: אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ, דר. פּאָמעראַנץ, אבא חושי (באַגריסנדיק), י. פייגענבוים, דוד פּינסקי, ריכטער לואיס דרוקער (קליוולאַנד), יוסף קרעלענבוים, יהושע וואַלינסקי, מיטגלידער פון אַרבעטער־ראַט סעקרעטאַריאַט אין חיפה.



חנה זמיר, די באַוואוסטע העברעאישע אָפּערא־סטאַר, טרעט אויף מיט געזאַנג ביי דעם פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר דער הסתדרות פאָלק־דעלעגאַציע אין הורה טעאַטער אין חיפה.

אויך צו דער הסתדרות, האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם פון 600 אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם טעאַטער. אויף דער פלאַטפאָרמע זיינען אויסער אונזער דעלעגאַציע געזעסן אַ סך פירנדע חברים פון חיפה, מיט אבא חושי



ביים קבלת־פּנים אין חיפה מיט דוד פּינסקי, אבא חושי און די הויפּט־טוער פון מועצת פּועלי־חיפה.

בראש. אַלס גאַסט איז אויך געווען אונזער גוט באַקאַנטער שריפטשטעלער דוד פינסקי, וועלכער וואוינט איצט אין חיפה.

אויף דער גאַלעריע האָט אַ גאַנץ גרויסער „בענד" געשפּילט פאַר־שידענע מאַרשן און ישראל־ניגונים. אבא חושי האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ רעדע אין העברעאיש, ער איז אָבער באַלד איבערגעגאַנגען צו רעדן אי־דיש. ער האָט אין קורצן דערציילט וועגן די דעלעגאַציע איז, וואָס פאַר אַ ראָלע דער געווערקשאַפטן קאַמפּיין אין אַמעריקע האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון די הסתדרות־אינסטיטוציעס און ווי לעבנס־נויטיק עס איז ערשט איצט די הילף פון אַמעריקאַנער חברים.

אבא חושי איז אַ מאַגנעטישע און דינאַמישע פּערזענלעכקייט און האָט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר דער הסתדרות און פאַר דער באַפרייאונג און דעראָבערונג פון חיפה.

עס וועט זיכער קומען די צייט, ווען די געשיכטע פון דער באַזעצונג, אַנטוויקלונג און ענדלעכע באַפרייאונג פון חיפה און פון דער מדינה וועט קענען דערציילט ווערן מיט אַלע איינצלהייטן, — דאַן וועט אבא חושי׳ס נאָמען אריינגעשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות און וועט פאַראייביקט ווערן אַלס באַרימטער זון פון אידישן פאָלק.

אבא חושי האָט דערציילט פון די נויטן פון לאַנד. די מעגלעכקייטן פון גרויסער קאָלאָניזאַציע אויפן לאַנד און אינדוסטריע, ווען עס וואָלטן נאָר געווען די נויטיקע געלט־מיטלען דערצו און האָט אַפּעלירט צו דער דעלע־גאַציע, אַז זיי זאָלן פאַרדרייפאַכן זייער אַרבעט און הילף פאַר דער הסתדרות און פאַראייביקטן אַפּיל ווען זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אַהיים.

דער טשערמאַן פון דער דעלעגאַציע, דר. פּאָמעראַנץ פון שיקאַגאָ, האָט באַדאַנקט אבא חושי׳ן און אַלע פאַרזאַמלטע פאַר זייער פריינטלעכער אויפנאַמע און האָט זיי פאַרזיכערט, אַז דאָס וואָס די דעלעגאַציע האָט שוין געזען אין ישראל, די גרויסע בוי־אַרבעט פון דער הסתדרות, האָט די דע־לעגאַציע איבערצייגט, אַז זייער הילף ביז איצט איז געגאַנגען אין ריכטיקן פּלאַץ און האָט געטאָן וואונדער, און וועט אין דער צוקונפט פאַרגרעסערט ווערן און אָנגיין נאָך מיט אַ גרעסערן טעמפּאָ.

די דעלעגאַציע איז אויך באַגריסט געוואָרן פון דוד פינסקי. ער האָט

אויסגעדריקט דעם ווונטש און האָפענונג, אַז וואָס מער אידן פון אַמעריקע זאָלן קומען קיין ישראל צו זען מיט זייערע אויגן דעם נס און זאָלן העלפן דער יונגער מדינה מיט ראָט און טאָט. די איינדרוקספולע פאַרזאַמלונג האָט זיך געשלאָסן מיט דעם שפּילן פון התקוה.

פאַרלאָזנדיק דעם טעאַטער זיינען אַ סך פון די דעלעגאַטן געגאַנגען באַטראַכטן דעם חיפה׳ער פּאָליטעכניקום, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון טעאַ־טער און אייניקע דעלעגאַטן זיינען געגאַנגען צוריק אין האָטעל זיך אָפּ־צורוען.

ביים אַרויסגאַנג פון דער טעכנישער הויך־שול אין חיפה, „הטכניון העברי״.

באַלד נאָך מיטאָג האָט אבא חושי גענומען אַ קלענערע גרופּע דע־לעגאַטן און איז מיט זיי אַרויפגעפאָרן אויף דעם „הר הכרמל״ און זיי געוויזן די שיינע הייזער, ווילאַס און אַפּאַרטמענטס וואָס זיינען דאָרט אויפגעבויט געוואָרן. אָבער ער האָט אָנגעדייט אויף די שטרעקעס לאַנד וואָס געפינען זיך אויף דעם באַרג נאָך נישט פאַרבויט. ער האָט אונז דערציילט פון פּלענער צו בויען 600 הייזער פאַר אַרבעטער, וואָס דער בוי־קאָאָפּעראַטיוו פון הסתדרות נעמט אונטער צו בויען און די גרויסע פּלענער וואָס די חיפה׳ער האָבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ גרויסער אינדוסטריע.

די חיפה׳ער אידן זיינען איבערהויפּט זייער שטאָלץ מיט די אינדוסט־ריעס וואָס געפינען זיך אין שטאָט. זיי האָבן ליב צו רופן חיפה די פּיטס־בורג פון ישראל. עס איז נאָך טאַקע זייער אַ ווייטער מהלך פון חיפה ביז פּיטסבורג, אָבער עס געפינען זיך שוין אַ היבש ביסל פאַבריקן אין חיפה,

ווי די גרויסע אייזן פאונדרי „וואולקאַן“, די זייף און פעיסט פאַבריק „שמן“, די גרויסע קאטאן און קליידער פאַבריק „אטא“, און צענדליקער אנדערע פאַבריקן וואָס איך קען דאָ ניט אויסרעכענען. אויסער דעם פאַרמאָגט חיפה די גרויסע אויל „ראַפינעריעס“, וואָס ווען זיי אַרבעטן, באַשעפטיקן זיי אי־בער 3 טויזנט אַרבעטער. הייַנט האָט חיפה דעם גרעסטן און שענסטן פּאָרט ניט נאָר אין ישראל, נאָר אַחוץ אַלעקסאַנדריע, טאַקע אין דעם גאַנצן מיטל־מזרח.

אין חיפה׳ער עיריה. עקטינג־מעיאָר, דוד הכהן, באַגריסט די ערשטע הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אויף אַ פייערלעכער אויפנאַמע אין סיטי האָל אין חיפה. ביים הויפּט־טיש פון רעכטס צו לינקס: דער ערשטער אידישער אָלדערמאַן, חבר האַרדשטיין; דוד הכהן באַגריסנדיק די געסט און י. חאַלפון, סעקרעטאַר פון סיטי האָל.

דערפאַר האָבן טאַקע די חיפה׳ער אידן זיך מיט וואָס איבערצונעמען, אָבער אבא חושי איז דער שטאָלצסטער מיט זיין חיפה. ער איז ווירקלעך פאַרליבט מיט אַלע זיינע חושים אין חיפה און עס איז שווער צו זאָגן צו וועמען ער איז מער לאָיאַל צי צו דער שטאָט חיפה, צי צו דער הסתדרות.

אין אָוונט איז אַ גרעסערע גרופּע פון אונזער דעלעגאַציע געווען געסט פון די חושי׳ס ביי זיי אין הויז. זיין ליבע פרוי, די חברה חושי, האָט די געסט מכבד געווען מיט געטראַנקען, פרוכט און נאַשערייען און איז געווען גליק־לעך צו פאַרברענגען מיט די אַמעריקאַנער געסט.

אונזער אנגענעמער וויזיט אין חיפה האָט זיך אָבער נאָך מיט דעם ניט געענדיקט. זיך אויסגערוט אין דעם האָטעל איבערנאַכט, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט צו באַטראַכטן די פאַבריקן, דעם פּאָרט און אַנדערע פּונקטן פון אינטערעס וואָס געפינען זיך אין חיפה. צוערשט האָבן מיר באַזוכט די אייזן און טשוגון פאַבריק „וואולקאַן", וואָס באַשעפטיקט אַ היבשע צאָל אַרבעטער.

„וואולקאַן" איז געגרינדעט געוואָרן אַלס פּריוואַטע אונטערנעמונג, האָט אָבער נאָך אַ לענגערער צייט ניט געקענט אָנגיין און האָט געהאַלטן ביים פאַרמאַכט ווערן. די הסתדרות האָט די אונטערנעמונג איבערגענומען און אַרבעט דאָרטן אויס פאַרשידענע רערן, „באָט־טאָבס" און אַנדערע אַרטיקלען. מיר ווייסן ניט ווי דערפאָלגרייך די אונטערנעמונג איז און וויפיל פּראָפיטן זי מאַכט, אָבער אַזוי לאַנג ווי די פאַבריק איז אָפן און אַרבעט און באַשעפטיקט אַזוי פיל אַרבעטער, איז דאָס אַליין שוין אַ גרויס געווינס.

נאָך מיטאָג האָט מען אונז גענומען צום חיפה'ער פּאָרט. מיר האָבן געקראָגן אַ ספּעציעלע דערלויבניש ארייננצופאָרן מיט אונזערע באָסעס אין די טויערן פון פּאָרט, וואָס ווערט זייער שטרענג באַוואַכט. צוויי ספּעציעלע שיפלעך זיינען צוגעקומען און אונז אַריינגענומען פאַר אַ רייזע צו באַטראַכטן



ביים אַריינגאַנג אין סיטי האָל, חיפה. צוזאַמען מיט אונז איז דער עקטינג־מעיאָר, דוד הכהן, און פּראָפ. מאַקס לערנער, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אין חיפה.

פון דער נאָענט אַלע גרויסע שיפן וואָס קומען אָן פון אַנדערע לענדער ווי אויך די גאַנצע פלאָטילע פון די שיפלעך וואָס האָבן געפירט די אַזוי גערו־פענע אומלעגאַלע עולים. מערסטע פון די שיפן זיינען אַלטע, צעבראָכענע און עס איז אַ גרויסער צווייפל צי מען וועט זיי ווען עס איז קענען פאַרריכטן, אַז זיי זאָלן קענען באַנוצט ווערן.

אָבער די אינטערעסאַנטסטע פון די אַלע שיפלעך איז די טרויעריק באַרימטע שיף „עקזאָדוס״, וואָס האָט פאַר וואָכן לאַנג אַרומגעפירט איבער פיר טויזנט פאַרוואָגלטע אידן, וועלכע די בריטישע רעגירונג האָט ניט גע־וואָלט לאָזן לאַנדן אין ארץ־ישראל און זיי דערנאָך פאַרשיקט קיין ציפּערן.

די גרויסע צעבראָכענע און צעקלאַפּטע שיף שטייט אין חיפה׳ער האַפן אַלס מאָנומענט פון דער בריטישער האַרטהאַרציקייט און פון אידי־שער העראָאישקייט. וואָס די ישראל־רעגירונג קלייבט זיך צו טאָן מיט דער שיף איז ניט באַוואוסט. וואַרשיינלעך וועט זי ערגעץ אַוועקגעשטעלט ווערן און דינען אַלס היסטאָרישער אָנדענק פון אידישער באַפרייאונג.

מיר האָבן אויך געזען אַ היפּשע צאָל קריגס־שיפלעך פון דעם „קאָר־וועט טאַיפּ״, וואָס אייניקע פון זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט עגיפּטישע שיפן, ווען זיי האָבן פּרובירט צושווימען און באָמבאַרדירן תל אביב.

אין דעם פּאָרט געפינען זיך אויך גרויסע שיפס־וואַרשטאַטן, וואו אַ סך שיפן ווערן רעפּערירט און געמאַכט דאָס, וואָס מען רופט אין ענגליש „סי־וואָרטי״. באַאַמטע פון פּאָרט האָבן אונז דערציילט פון פּלענער, וואָס ווערן געמאַכט פאַר אויסברייטערן דעם פּאָרט, אַז ער זאָל קענען באַדינען אַ סך מער שיפן ווי ביז איצט.

פון פּאָרט זיינען מיר נאָך אַמאָל אָפּגעפאָרן אויף דעם הר־הכרמל וואו מיר האָבן באַזוכט אַ קינדער־היים, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן און ווערט אויסגעהאַלטן מיט דער הילף פון קענעדער פּיאָנערן פרויען פאַראיין. דאָס איז איינע פון די שענסטע קינדער־היימען, וואָס מיר האָבן געזען אין ישראל. אַלע פון אונזער דעלעגאַציע האָבן באַוואונדערט די ריינקייט און די פיינע אויסשטאַטונג פון אָט־דער קינדערהיים. מיר האָבן זיך גע׳חידוש׳ט וואו זיי נעמען געגנוג געלט דאָס הויז אויסצוהאַלטן.

איבערגענעכטיקט נאָך אַ נאַכט אין חיפה און אין דער פרי זיך ווייטער פאַרפאַקט אין וועג אַריין, דאָס מאָל אויף דעם וועג צוריק קיין תל־אביב.



פייערלעכע אויפנאַמע אין דער קאָנוואלעסענט האָום פון קופּת־חולים אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו אויפן הר־הכרמל אין חיפה. ביים הויפּט־טיש פון רעכטס צו לינקס: ד. רעזניק, דוד פּינסקי, דר. ש. פּאָמעראַנץ, י. פייגענבוים (שטייענדיק), אבא חושי און אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ.

אָבער איך, מיין ברודער און חבר אַלבערט, זיינען געווען שטאַרק ניי־געריק צו זען די גרויסע פאַבריק אטא, וועלכע געפינט זיך אַ צענדליק מייל פון חיפה. די פאַבריק באַלאַנגט צו פּריוואַטע אייגנטימער און ניט יעדער איינער, ווען עס פאַרווילט זיך, קען אַהין אַריינקומען. מיר אָבער האָבן דורך אבא חושי׳ן געקראָגן די דערלויבעניש דורכצוגיין די פאַבריק און זען ווי זי אַרבעט.

די אייגנטימער זיינען די מאלער ברידער, זיי קומען פון טשעכאָסלאָ־וואקיע. זיי איז געלונגען איידער היטלער האָט פאַרנומען די טשעכישע רע־פּובליק אַרויסצונעמען זייער געלט, ליקווידירן זייערע געשעפטן און קומען קיין ישראל. דאָ האָבן זיי אויפגעשטעלט איינע פון די מאָדערנסטע קאָטאָן פאַבריקן ניט נאָר אין ישראל אָדער אין מיטעלן מזרח, נאָר זי קען זיך גאַנץ שיין פאַרגלייכן מיט פאַבריקן פון דעם סאָרט אין אַמעריקע.

זיי פּראָדוצירן באַוועלנע (קאָטאָן) שטאָפן פאַר העמדער, קאָקי הויזן, קורצע און לאַנגע, און אויך שטאָפן פאַר פרויען־קליידער. די שטאָפן ווערן פון זיי צעשניטן און אויפגעמאַכט און ווערן פאַרקויפט צו קראָמען פאַר פּרייזן, וואָס די מאלער ברידער באַשטימען.

די אונטערנעמונג איז זייער דערפאָלגרייך און זיי האַלטן אין פאַרגרע־

סערן און אויסברייטערן די פּראָדוקציע, ווייל זיי קענען אפילו ניט באַ־פרידיקן דעם ישראל־מאַרק אַליין.

מיר האָבן אין דער פאַבריק פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדן, באַטראַכט די אַרבעט און גערעדט צו אַרבעטער, וואָס זיינען כמעט אַלע הסתדרות־מיט־גלידער און פאַרלאָזט די פאַבריק מיט דעם געפיל, אַז מיר האָבן געזען איינע פון די בעסטע און גרעסטע אונטערנעמונגען אין ישראל. כן ירבו. די טעקסי וואָס האָט אויף אונז געוואַרט די גאַנצע צייט, האָט אונז צוגעפירט צו משק יגור (יאַגור), וואו מיר האָבן געדאַרפט באַגעגענען די באָסעס מיט דער דעלעגאַציע אויף אונזער וועג צוריק קיין תל־אביב.

דער מאַרשרוט און די פּראָגראַם פאַר דעם טאָג איז געווען צו זען נהלל, נצרת, רמת־דוד, רמת־הכובש, און שפּעט אין אָוונט צוריק־צו דעם בית־ספר לפעילי־ההסתדרות.

נהלל. יעקב אורי, דער פּראָמינענטער אַרבעטער־פירער פון ישראל, נעמט אויף די ערשטע הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין בית־עם פון נהלל און גיט איבער אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן און דער אַנטוויקלונג פון מושב.

פרדס חנה

אין פאַרלויף פון אונזער אַרומפאָרן אין ישראל, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט פירנדע חברים פון הסתדרות און רעגירונגס־באַאַמטע, האָבן זיי יעדן מאָל, ווען זיי האָבן מיט אונז גערעדט, דערמאָנט די קעמפּס וואו עס געפינען זיך די ניי־אַריינגעקומענע אימיגראַנטן (עולים, ווי מען רופט זיי אין ישראל).

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט בן־צבי אין זיין באַגריסונג צו אונז אין ירושלים געזאָגט: „ניט נאָר וועט איר זען שיינע זאַכן ביי אונז, נאָר איר וועט אויך זען אונזער צער און ווייטיק. די שמערצן וואָס מיר פילן, וואָס אַזויפיל פון אונזערע ברידער און שוועסטער — אונזער אייגן בלוט און פלייש — דאַרפן זיך געפינען אין קעמפּס אונטער אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען״. אַנדערע האָבן באַצייכנט די קעמפּס „אַלס אונזער שאַנדע״. אָבער מיר האָבן ביז אַ וואָך פאַר אונזער אָפּפאָרן ניט געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן און זען די לאַגערן, אָדער קעמפּס, וואו די ניי־אַריבערגעקומענע געפינען זיך.

אונזערע מנהיגים האָבן משמעות זיך נישט געקענט אייניקן ווי אַזוי אונזער באַזוך זאָל אַראַנזשירט ווערן. ווייל מיר זיינען געווען אַ גרויסע גרופּע מענשן, 54 פּערזאָן, און זיינען אַרומגעפאָרן אין גרויסע באַסעס, איז דעריבער געווען אַ פּראָבלעם ווי אַזוי דאָס צו מאַכן. אונזערע פירער („גאַידס״) האָבן געמיינט, אַז עס איז ניט ראַטזאַם צוצוקומען צו די קעמפּס מיט אַזאַ גרויסער גרופּע מענשן, ווייל דאָס רודערט אויף און מאַכט אַ טומעל, וואָס איז נישט גרינג איינצושטילן. עס ווערט אַן אַנגעלאָף, יעדער וויל עפּעס זאָגן: אַנדערע ווילן אויסגיסן זייער שווער, ביטער האַרץ, און גאָר אַ סך פילן זיך באַליידיקט וואָס מען קומט קוקן אויף זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען עפּעס אויסטערלישעס, ווי מען קומט קוקן אויף חיות אין אַ צירק.

אָט צוליב די טעמים איז דער באַזוך אונזערער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף שפּעטער. ערשט ווען מיר זיינען געווען אין דער געגנט, וואו עס געפינט זיך פּרדס חנה — אַ קעמפּ וואו עס געפינען זיך איבער פערצן טויזנט מענער, פרויען און קינדער, איז דער באַזוך געמאַכט געוואָרן. שוין פונווייטנס, איידער מיר זיינען צוגעקומען צו דעם קעמפּ, האָבן מיר געקענט זען הונדערטער פון די ביידלעך (טענטס) אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות אַזוי

ווי אַ לאַגער פון סאָלדאַטן. ביי דעם אַריינגאַנג געפינען זיך עטלעכע גרויסע געביידעס פאַר אַדמיניסטראַציע־צוועקן, גרויסע סקלאַדעס פאַר שפייז, און קיכן וואו מען קאָכט פאַר זיי די עסנס.

אַן אויפזעער איבער דעם קעמפּ האָט אונז אַרומגעפירט און געוויזן ווי אַזוי אָט דער גרויסער לאַגער ווערט פאַרוואַלטעט. ער האָט אונז אַריינ־געפירט אין אַ גרויסער מעכאַנישער קיך מיט אויוונס און גרויסע קעסלען, וואָס קאָכן די עסנס.

דער אויפזעער האָט אונז דערציילט וועגן די פּראָבלעמען פון האַלטן אַזוי פיל מענשן אָן די נויטיקע איינריכטונגען, — מענשן פון פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן און געוואוינהייטן וואָס קומען פון פאַרשידענע לענדער. אַ סך פון זיי זיינען ניט צוגעוואוינט צום ארץ ישראל׳דיקן קלימאַט, ספּעציעל ווען זיי דאַרפן די מערסטע צייט זיין אין דרויסן אונטער דער הייסער זון א. א. וו.

מיר, פון דער דעלעגאַציע, האָבן אויסגעהערט וואָס דער אויפזעער האָט צו דערציילן, אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבן פאַרלאָזן די אַדמיניסטראַ־טיווע געביידעס און דורכגעגאַנגען דורך די ביידלעך וואו די עולים וואוינען און שלאָפן, זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ מענגע מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן אונז באַוואָרפן מיט פראַגן וואָס מיר האָבן אוודאי ניט געקענט ענטפערן. אַנדערע האָבן געשריגן און גע׳טענה׳ט ווארום מען האָט זיי אַהער געבראַכט זיך צו מאַטערן. אייניקע זיינען געווען סאַרקאַסטיש און צו־געוואָרפן צורופן: „וואָס זענט איר אַהער געקומען צו קוקן אויף אונזער בייז־וואונדער? פאַרוואָס זעט איר ניט, אַז מען זאָל אונז העלפן א. א. וו.״

אייניקע פון אונזער דעלעגאַציע האָבן פּרובירט מיט זיי רעדן און זיי דערקלערן די שוועריקייטן פון צוגרייטן הייזער פאַר אַזוי פיל טויזנטער מיט אַמאָל און אז א סך זיינען שוין איינגעאָרדנט געוואָרן. אָבער לאָגיק און קאַלטער פאַרשטאַנד העלפט זייער ווייניק ווען עס האַנדלט זיך וועגן אומ־גליקלעכע וואָס ליידן שוין אַזוי לאַנג, פריער אין די נאַצישע קעמפּס און איצט דאָ, וואו זיי האָבן דערוואַרט, אַז זיי וועלן שוין קריגן אַ מקום מנוחה.

מיר זיינען אַוועקגעפאָרן פון דעם קעמפּ פרדס־חנה צעבראָכענע און צעווייטיקטע. יעדער איינער פון אונז האָט געפילט עפּעס ווי אַ מיטשולדיקער, וואָס אַזעלכעס איז מעגלעך. ווייל קיינער קען ניט אַרויפוואַרפן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און די שולד אויף דער רעגירונג און באַפעלקערונג פון

ישראל. זיי טוען דאָס איבערמענשלעכע צו לינדערן די נויט, זיי שפּאָרן אָפּ פון זייער מויל, אַז עס זאָל בלייבן אַביסל שפּייז פאַר די אָנגעקומענע, זיי מאַכן זיך ענג און נעמען אַריין אַ סך היימלאָזע אין זייערע הייזער. מיר האָבן געזען אַ סך אימיגראַנטן אין די קיבוצים און די מושבים. געניע צוויי הונ־דערט טויזנט אָנגעקומענע זיינען אין פאַרלויף פון איבער אַ יאָר אַבזאָר־בירט געוואָרן.

ניין! ניט די ישראל רעגירונג און ניט די ישראל באַפעלקערונג איז שולדיק אין דער עקזיסטענץ פון די קעמפּס. איך האָב מורא, אַז די שולד און די שאַנדע איז אונזערע — אַמעריקאַנער אידן. מיר האָבן ניט געטאָן אונזער גאַנצע פליכט; מיר האָבן אפשר געהאָלפן אויסליידיקן די קעמפּס פון דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע — וואו זיי זאָלן ניט האָבן געווען, אָבער מיר זיינען שטיין געבליבן אין מיטן און ניט פאַרענדיקט אונזער אַרבעט און געלאָזט די געפּייניקטע און אומגליקלעכע זיך מוטשען אויף דעם מיסט אַרויס־געוואָרפענע און פאַרלאָזענע.

אויב מיר אַמעריקאַנער אידן וועלן ניט מאַכן די אָנשטרענגונג צו ליקווידירן די קעמפּס אין ישראל פּונקט ווי מיר האָבן געהאָלפן זיי אויס־צוליידיקן אין די גלות־לענדער, האָבן מיר נאָר געטאָן האַלבע אַרבעט. די 75 טויזנט אידן וואָס געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע זיינען אין געפאַר פיזיש אונטערצוגיין און שטעלן אין סכנה די עקאָנאָמיע פון גאַנצן ישוב.

נאָך אָט דעם זייער ניט־אָנגענעמען וויזיט אין פרדס חנה זיינען מיר צוריקגעפאָרן מיט זייער אַ שווערן געמיט און ביי זיך געטראַכט ווי אַזוי, אין וועלכע ווערטער, קענען מיר דערציילן אונזערע אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער, ווען מיר וועלן קומען אַהיים, אַז עס זאָל האָבן אַ ווירקונג, אַז גאָר אַ גרויסע אַקציע זאָל אונטערנומען ווערן פאַר באַלדיקער הילף.

מיר האָבן זיך אומגעקערט צום בית ספר אין אָוונט זיך אויסצורוען, כדי אין דער פרי זאָלן מיר קענען פאָרזעצן אונזער שפּאַציר אין פּלעצער וואו מיר זיינען נאָך ניט געווען.

עס איז נאָך פאַרבליבן פאַר מיר אייך צו דערציילן פון איינִיקע זייער אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און אויפנאַמען פון וויכטיקע רעגירונגס און הסתדרות מענשן, ווי אויך דעם היסטאָרישן פאַר־געזונט־אָוונט, וואו דוד בן גוריון האָט פאַר אונז געהאַלטן די רעדע וואָס האָט אין אַמעריקע אָנגעמאַכט אַ שטורעם אפילו צווישן ציוניסטן.

רמת־הכובש—נהלל—נצרת

ווי איך האָב געשריבן אין פאַריקן בריוו, זיינען מיר געקומען אין נהלל, אָבער מיר זיינען דאָרט לאַנג נישט געשטאַנען; בלויז באַטראַכט דעם משק, זיך באַגריסט מיט חברים און געפאָרן קיין נצרת. דער נאָמען אַליין פון דער היסטאָרישער שטאָט, וויסנדיק וואָס פאַר אַ באַדייטונג זי האָט פאַר דער קריסטלעכער וועלט, און וואָס נצרת איז שטענדיק געווען כמעט אינגאַנצן אַראַביש, האָט ביי אונז ארויסגערופן אַ געוואַלדיקן אינטערעס. עס האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט גלויבן, אַז אָט־די שטאָט איז אונטער אידישער ממשלה און אַז אידן קאָנען אַהין פאָרן פראַנק און פריי אונטער דער השגחה פון אידי־שן מיליטער און אידישער פאָליציי. עס האָט זיך פשוט ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז אמת. אָבער מיר האָבן זיך באַלד איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט קיין חלום און ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר די ווירקלעכקייט אַליין. אונזערע באַ־סעס זיינען שטיין געבליבן נעבן אַ איבערגעצאַמטן פלאַץ אויף דעם שאָסיי. ביי דער זייט זיינען געשטאַנען אַ פּאָר סאָלדאַטן, וואָס היטן דעם אַריינגאַנג אין שטאָט און גיבן אַכטונג, אַז קיין פאַרדעכטיקע פערזאָנען זאָלן ניט אַריינ־קומען.

אונזערע „גאַידס" האָבן אונז דערקלערט, אַז אין נצרת געפינען זיך



ביים קבלת־פּנים פון דער ברית פועלי ישראל אין נצרת, די אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַרבעטער אין נצרת.

אַ סך אַראַבער, וואָס מען איז נאָך ניט אַזוי זיכער מיט זייער לאָיאַליטעט און אַז די שטאָט איז נאָך אַלץ אונטער דער השגחה פון מיליטער.

די באַסעס זיינען שטיין געבליבן לעבן אַ גרויס הויז, וואו עס האָט געפלאַטערט די אידישע פאָן מיט אַ גרויסער אויפשריפט פון הסתדרות — דאָס הסתדרות הויז פון נצרת. אַ מענגע מענשן זיינען געווען פאַרזאַמלט אין פראָנט פון דעם הויז און צווישן דער מענגע מענשן אַ גרויסע צאָל אַראַבער, גע־קליידט אין זייערע לאַנגע מאַנטלען מיט ווייסע טורבאַנען ארומגעדרייט אַרום זייערע קעפּ. מיר האָבן אין אָנפאַנג ניט געוואוסט די באַדייטונג פון דעם און ניט פאַרשטאַנען ווי עס קומען אַהער אַזוי פיל אַראַבער און וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט אונז. אָבער באַלד איז אַלץ קלאָר געוואָרן. אַזוי שנעל ווי מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו דעם הויז, האָבן מיר דערהערט אַפּלאָדיסמענטן מיט אויסרופן פון שלום און וועלקאָמען. די פאַרזאַמלטע האָבן פאָרמירט אַ קרייז ארום אונז זיך צו זעצן און דער טשערמאַן האָט אונז באַגריסט און גע־געבן דאָס וואָרט צו אַ יונגן אַראַבער, וואָס איז שוין געווען אייראָפּעאיש.

דער יונגער אַראַבער האָט צו אונז גערעדט אין ענגליש און אונז דערציילט, אַז אַ באַדייטנדיקע גרופּע אַראַבער פון נצרת זיינען אָנגעשלאָסן אין דער הסתדרות און אַז צוזאַמען מיט די אידישע אַרבעטער ווילן זיי אין שלום און האַרמאָניע קעמפן פאַר אַרבעט און אַ בעסער לעבן.

— איך זע ניט איין, — האָט ער פאַרגעזעצט זיין רעדע, ווארום אידן און אַראַבער אין ישראל קאָנען ניט לעבן אין שלום צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד צום וואוילזיין פון ביידע פעלקער. אונזער דעלעגאַציע האָט שטאַרק אַפּלאָ־דירט די פריינטלעכע רעדע און האָט דורך דעם דעלעגאַט דזשאָרדזש דרו־קער פון קליוולאַנד געענטפערט מיט אַ רעדע און אויסדרוק פון פריינטשאַפט צו די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן און זיי פאַרזיכערט, אַז עס איז דער שטרעבן פון אַלע פּראָגרעסיווע אידן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער צו העלפן די אַראַבער פון ישראל צו העכערן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד און אַז אין דער גרויסער אָרגאַניזאַציע הסתדרות האָבן די אַראַבישע מאַסן איבער־געגעבענע פריינט און אַז זיי וועלן זאָרגן פאַר זייער וואוילזיין באַגלייך מיט די אידישע מיטגלידער.

די באַגעגעניש מיט די אַראַבער פון נצרת האָט אויף אונז געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. קיינער האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון דאַנען אָן אַ בילד, ווער

מיט אַ פילם־אַפּאַראַט און ווער מיט אַ געוויינלעכע קאַמערא. און אין צווישן־צייט האָבן די אַראַבער אונז מכבד געווען מיט טערקישער קאַפּע און סיגאַרעטן.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט די אַראַבישע פריינט און אַריינגע־שטיגן אין די באָסעס פאָרצוזעצן אונזער רייזע. אָבער איידער מיר האָבן פאַר־לאָזט נצרת האָבן מיר געוואָלט זען אַמווייניקסטנס איינע פון די דריי באַ־רימטע קירכעס וואָס געפינען זיך דאָרט און וואָס זיינען אַזוי הייליק פאַר פילע קריסטן פון דער וועלט. מיר האָבן אויסגעקליבן די „טשוירטש אָוו נעיטיוויטי״ און אַריינגעגאַנגען זי זען. אַ פּראָפעסיאָנעלער „גאַיד״ האָט אונז אַרומגעפירט און דערקלערט די באַדייטונג פון די אַלע הייליקטימער און אונז דורכגעפירט דורך אַ קאַטאַקומב, וואָס געפינט זיך אין קירכע. נאָכדעם ווי יעדער פון אונז האָט דעם „גאַיד״ געגעבן אַ פּאָר פּיאַסטער פאַר זיין אַרבעט, זיינען מיר אַוועק־געפאָרן אין קיבוץ רמת דוד צו האָבן דאָרט מיטאָג. רמת דוד איז ניט קיין גרויסער קיבוץ, בלויז 5 הונדערט נפשות, אָבער מיט אַ גאַנץ ניש'קשה'דיקער ווירטשאַפט. אין אַ גרויסן ליכטיקן עס־צימער אַרום ווייס־געדעקטע טישן האָט מען אונז סערווירט זייער געשמאַקע מאכלים, געקאָכט אויף אַ היימישן שטיי־גער. און ווייל מיר האָבן שוין אַ לאַנגע צייט ניט געגעסן קיין פלייש, זיינען די מאכלים פון עוף געווען זייער אָנגעלייגט.

רמת־דוד. עקיבא גאָלדשטיין באַגריסט די געסט און גיט איבער אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן פון קיבוץ.

ווי דער שטייגער איז, האָבן מיר אויסגעהערט באַגריסונגען. די חברים האָבן אַלע באַטאָנט ווי צופרידן זיי זײַנען אויפצונעמען אַן אַמעריקאַנער פּאָלקס־דעלעגאַציע, אַזעלכע וואָס זיינען זיך מתעסק אין דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין, און אונז געבעטן צו פאַרזעצן די אַרבעט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון די הסתדרות־אינסטיטוציעס און פאַר דעם אויפבוי פון לאַנד.

אונזער מידע דעלעגאַציע איז געפאָרן ווייטער. עס איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג. אויף אונזער פּראָגראַם איז נאָך געווען אַ באַזוך אין רמת הכובש, און פון דאָרט נאָך תל־אביב צוריק צום בית־ספר לפעילי־ההסתדרות. מיר זיינען דורכגעפאָרן דעם פּלאַץ וואו עס קרייצן דורך די „פּאַיפּ לאַינס", וואָס האָבן געפלאָסן אויל צו די חיפה׳ער ראַפינעריעס, דעם דאָרף געניגאַר, וואו עס געפינען זיך פריינטלעכע אַראַבער. דאָרט געפינען זיך אויך אידישע פּליטים, וואָס באַאַרבעטן פעלדער פון גרינסן און פאַרקויפן דאָס קיין תל־אביב. מיר זיינען אָנגעקומען קיין רמת הכובש. רמת הכובש איז גאָר אַ גרויסער קיבוץ, עס איז כמעט אַ גאַנץ שטעטל פון דערוואַקסענע און קינדער. אונזער חבר באַנקאָווער, וואָס איז געווען ביי אונז אין אַמעריקע, איז אַן אָנ־געזעענער מיטגליד פון דעם קיבוץ.

חבר באַנקאָווער, וואָס האָט באַגעגנט כמעט יעדן איינעם פון דער דע־לעגאַציע אין פאַרשידענע אַמעריקאַנער שטעט, וואו ער איז לעצטן יאָר געווען אַ הסתדרות־שליח, האָט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן קיבוץ געוואַרט אויף אונז אַרום דריי שעה, ווייל מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן די פירער פון קיבוץ אונז צו געבן אַ פייערלעכע אויפנאַמע, צו דערציילן אונז פון זייערע דערפאָלגן און דורכפאַלן און איבערהויפּט אויסצו־דריקן זייער וואונש, אַז וואָס־מער אַמעריקאַנער אידן זאָלן באַזוכן דאָס לאַנד און טאַקע קומען אויך זיך צו באַזעצן און בויען און פאַרשטאַרקען די מדינה.

אַזעלכע באַגריסונגען זיינען אַלע מאָל געענטפערט געוואָרן פון אונזער דעלעגאַציע אַזוי, אַז כמעט יעדער איינער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט פריער אָדער שפּעטער צו רעדן. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן אין רמת הכובש און נאָך אַ רייזע פון אומגעפער אַ שעה און אַ האַלב זיינען מיר ענדלעך געקומען צום בית ספר, וואו מיר האָבן באַדאַרפט פאַרבלייבן די לעצטע טעג ביז צו אונזער אָפּפליען צוריק אַהיים.

דעם ערשטן טאָג צוריק אין תל־אביב האָבן מיר געזאָלט האָבן פריי

פאַר רו און אַ געלעגנהייט פאַר די דעלעגאַטן צו באַזוכן קרובים און פריינט. אָבער ניט אַלע האָבן געקאָנט אויסנוצן די טעג פאַר אַזעלכע צוועקן. ערשטנס, צוליב דעם וואָס צענדליקער מענשן זיינען געקומען אין בית ספר זיך נאָכפרעגן אויף קרובים, פריינט און באַקאַנטע, וואָס זיי האָבן אין אַמעריקע. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען פאַרטראָטן 14 אַמערי־קאַנער שטאַטן, און דאָס איז געמאָלדן געוואָרן אין דער גאַנצער ארץ ישראל פרעסע. איז ווער עס האָט נאָר עמיצן אין די שטאַטן — פון ניו יאָרק ביז שי־קאַגאָ, אָדער פון פילאַדעלפיע ביז טענעסי — איז געקומען זיך נאָכפרעגן און אָפּנעמען גרוסן.

צווייטנס, האָט די דעלעגאַציע באַשלאָסן דעם טאָג צו שיקן אַ קלענערע גרופּע פון זיך קיין ירושלים צו לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף דר. הערצל׳ס קבר.

ווען דר. הערצל׳ס לויה איז פאָרגעקומען, איז די דעלעגאַציע געווען גאַנץ ווייט פון ירושלים און עס איז געווען פיזיש אוממעגלעך איבערצואַנדערשן דעם פּראָגראַם און מאַרשרוט, ווייל גרויסע פאָרבאַרייטונגען צו באַשטאַטן און שפּייזן די דעלעגאַציע זיינען געמאַכט געוואָרן. מיר האָבן אויך גענומען אין אָנבאַטראַכט די צענדליקער טויזנטער מענשן, וואָס זיינען געקומען צו דער לויה קיין ירושלים, די ענגשאַפט אויף די גאַסן און שאָסייען, האָבן מיר דערי־בער באַשלאָסן דאַן זיך ניט צו באַטייליקן, נאָר שיקן אַ קלענערע גרופּע צו לייגן בלומען אויפן קבר. אגב, איז ווערט צו באַמערקן, אַז ווען מיר זיינען גע־ווען אין ירושלים מיט אַ וואָך פריער, זיינען אונזערע באַסעס ספּעציעל גע־פאָרן צו דעם פּלאַץ פון קבר און מאָנומענט. אין דער קלענערער גרופּע צו לייגן דעם קראַנץ בלומען האָבן זיך באַטייליקט צווי באַסטאָנער, חבר סעם אַלבערט און חברה בעלאַ פיליפּס.

נגבה—באר שבע

היינט זיבן אַזייגער פרי, האָט זיך די גאַנצע דעלעגאַציע צוזאַמענגעקליבן צום פרישטיק, ווייל מען האָט אונז מודיע געווען, אַז מיר וועלן האָבן אַ לאַנגע, שווערע רייזע. אויף דער פּראָגראַם איז געווען נגבה, באר שבע און גבעת־ברענער. אָבער איידער איך וועל אײַך דערציילן וואָס מיר האָבן געזען אין נגב, וועל איך איבערגעבן וועגן אונזער באַזוך אין רחובות אין די זיוו־און ווייצמאַן־אינסטיטוטן.



ביים אַריינגאַנג אין ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות. עס גיט אויפקלערונגען ראַביי דוד פּאַסאָוו פון באָסטאָן.

פאַר געוויינלעכע מענשן, וואָס זיינען ניט קיין וויסנשאַפטסלייט, איז נאַטירלעך שווער צו זאָגן וואָס די אינסטיטוטן טוען־אויף, וואָס פאַר אַ אַנט־דעקונגען עס ווערן דאָרט געמאַכט א. א. וו., אָבער די געביידעס אַליין און די שיינע לאַנדשאַפט אַרום פאַרכאַפּט דאָס אויג. אַזוי פיל טראָפּישע פלאַנצונגען און קאָלירפולע בלומען איז זעלטן צו זען ביי אונז אין אַמעריקע.

דער פּרעזידענט פון דער מדינה, דר. חיים ווייצמאַן, איז ניט געווען אין לאַנד, ער האָט זיך געפונען אין דער שווייץ צוליב זיין געזונט, אָבער זיין ווילאַ, וואו ער וואוינט, ווען ער איז אין ארץ ישראל, האָבן מיר געקאָנט זען דייטלעך פון דערווייטנס פון אינסטיטוט.

ביי דעם אַריינקומען אין די פּאַרוואַלטונגס־אָפיסעס פון אינסטיטוט זיינען מיר באַגריסט געוואָרן פון דעם גוט־באַקאַנטן מאיר ווייסגאַל, וועלכער האָט לעצטנס געמאַכט רחובות פאַר זיין שטענדיקער רעזידענץ. מיר זיינען דורכגעגאַנגען אַלע צימערן, געזען פאַרשיידענע מאַשינען וואָס ווערן באַנוצט פאַר עקספּערימענטאַלע און וויסנשאַפטלעכע צוועקן און נאָכדעם ווי אונזער דעלעגאַציע האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט דער שיינער נאַטור אַרום און אַראָפּ־גענומען אַ סך בילדער, זיינען מיר אָפּגעפאָרן אין נגב.

נאָך אַ לאַנגער צייט פאָרן זיינען מיר צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וואו עס קרייצן זיך די וועגן. איין וועג פירט קיין ירושלים און איין וועג, וואָס פירט קיין „גאַזאַ" און מצרים. מיר זיינען געפאָרן גלייך, אָבער באַלד זיינען מיר געקומען צו אַ זייער שלעכטן, ניט־ברוקירטן וועג, וואָס האָט די רייזע געמאַכט זייער שווער. עס האָט געטרייסלט און געשאָקלט יעדן אבר, אַרום האָבן מיר בלויז געקענט זען גרויסע שטרעקעס פלאַך פאַרטריקנט לאַנד, קיין גרעזל, קיין בוימל אין ערגעץ. ווייט, זייער ווייט, רעכטס פון אונזער זייט האָט זיך אָנגע־הויבן צו באַווייזן אַ סימן פון אַ זידלונג, וועלכע לויט דער ערקלערונג פון אונ־זער „גאַיד", איז אַ קבוצה ניט לאַנג געגרינדעט געוואָרן.

די שטרעקעס לאַנד, וואָס זיינען געוועזן צושפּרייט פאַר אונזערע אויגן, זיינען ניט קיין זאַמדיקע און לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן קאָנען זיי באַאַרבעט ווערן און זיין פּרוכטבאַר, ווען וואַסער וועט אַהין געבראַכט ווערן.

מיר זיינען אַרויפגעקומען אויף אַ ביסל אַ בעסערן וועג, וואָס האָט ניט אַזוי געטרייסלט. עס האָבן זיך באַוויזן צוויי סימנים, אַז מיר דערנענטערן זיך צו נגבה — דער הויכער וואַסער־טורעם, וואָס געפינט זיך אין יענער זידלונג, און ווייטער אַוועק האָט זיך געזען אַ גרויסע געביידע, איינע פון די 42 פּאָליס־סטאַנציעס, וואָס די ענגלענדער האָבן געבויט אין לאַנד צו באַשיצן פון אַנפאַלן. אָט־דער פּאָליס־סטיישאָן האָט אָנגעטאָן גרויסע צרות נגבה און האָט אַ גרויסן חלק אין דער צעשטערונג און קרבנות אין דעם כאַראַקטעריסטישן קאַמף. ווען די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער געגנט, האָבן זיי דעם פּאָליס־סטיישאָן איבערגעגעבן צו די עגיפּטער, און פון דער פעסטונג האָבן זיי, די מצרים, געגאָסן פייער טאָג און נאַכט אויף נגבה און דעם הייפעלע פאַר־טיידיקער.

זיי האָבן פֿאַרניכטעט און אויסגעה׳הרג׳עט אַלע קי און עופות און אַ גרויסע צאָל חברים פון דעם קיבוץ. ווען מיר זיינען צוגעקומען נעגטער האָבן מיר געזען ווי דער אַלטער וואַסער־טורעם, וואָס איז געווען אַ גאַנץ גוטער ציל פאַר די עגיפּטישע שיסער איז צעלעכערט פון די קוילן ווי אַ רעשעטע (זיפּ מיט גרויסע לעכער), אָבער נאָענט דערביי דעם צושאָסענעם וואַסער־טורעם, וואָס גיט וואַסער פאַר די מיטגלידער פון דעם באַרימטן קיבוץ — שטייט שוין אַ נייער נאָר־וואָס אויפגעבויטער טורעם, וואָס באַזאָרגט שוין פון דאָס ניי מיט וואַסער דעם קיבוץ.

אונז האָט באַגעגנט קעפּטען יוסף וויילאַנד, וואָס איז לעצטן יאָר געווען אין אַמעריקע אַלס הסתדרות־דעלעגאַט, ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַרבעטס־קליידער, וואָס ער טראָגט ביי זיין אַרבעט, אין מישן צעמענט.

לעבן בית־עולם אין נגבה, וואו עס איז געפירט געוואָרן אַזאַ העלדישער קאַמף מיט די עגיפּטישע אַרמייען. קאַפּיטאַן יעקב וויילאַנד גיט איבער אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן אין נגבה.

אין נגבה גייט־אָן אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט פון צוריק אויפבויען די צעשטערטע הייזער אום זיי זאָלן קאָנען צוריק אויפשטעלן די ווירטשאַפט, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן.

די העלדן־טאַטן פון די גבורים פון נגבה וועלן פאַרשריבן ווערן אין דער אידישער געשיכטע לדור־דורות. אַט דאָס הייפעלע העלדן האָט מיט איר מוט און העראָאיזם ניט נאָר מעגלעך געמאַכט, אַז דער נגב זאָל זיין אין אידישע הענט, נאָר זיי האָבן אויך פאַרשפאַרט דעם וועג פאַר דעם שונא ער זאָל זיך ניט קאָנען אַריינרייסן אין תל אָביב און אומגעגנט.

זיך געזעגנט מיט די חברים פון נגבה, זיינען מיר געפאָרן ווייטער אין נגב, קיין באר שבע.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער און אונזערע מענער און פרויען זיינען פאַרמאַטערט געוואָרן פון אַרומגיין אויף דעם משק אין נגבה, וואו עס איז דאָ זייער ווייניק פלעצער וואו זיך אָפּצוקילן. דער געשפּרעך צווישן זיך איז געווען, ווי אַזוי האָט דאָס הייפעלע מענשן געקאָנט אויסהאַלטן די אַטאַקעס פון אַ גוט אָרגאַניזירטער אַרמיי מיט מאָדערנע וואָפן.

דערווייל זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן די טרויעריק באַרימטע פאָליציי־סטאַנציע, וואָס פון דאָרטן האָט מען געשאָסן אַזוי פיל פייער אויף נגבה. באַטראַכטנדיק די דורכגעשאָסענע ווענט און טורעמס פון דער געביידע, זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז אויך זיי האָבן קיין האַניק ניט געלעקט און אַז אונזערע גבורים האָבן געענטפערט מיט גענוג פייער אויף זייער פייער.

פוסטע שטרעקעס לאַנד — האָבן צווישן זיך גערעדט די דעלעגאַטן, — וואו וועט מען נעמען מענשן און וואַסער צו באַאַרבעטן אַט די פוסטע שטרע־קעס? וואו וועט מען נעמען וואַסער? האָט איינער אויסגעשריגן. אַט גיט אַ קוק: ביי די זייטן פון שאָסיי האָבן מיר דערזען אויסגעגראָבענע קאַנאַלן און לעבן זיי זיינען געלעגן וואַסער־רערן (פּאַיפּס). אַט די רערן, האָט דר. סילווער אויסגעשריען, וועלן געבן וואַסער צו באַוואַסערן און פרוכטבאַר מאַכן דעם גאַנצן נגב. אַט די רערן און אויסגעגראָבענע קאַנאַוועס האָבן אונז באַ־גלייט ביז באר שבע.

באר שבע, די שטאָט פון אברהם אבינו און די זיבן ברונימער, איז אָבער ביז צו דער ענדע פון אידיש־אַראַבישן קריג געווען הונדערט פּראָצענט אַראַביש, און ווער האָט זיך געקאָנט גלויבן, אַז אין אַזאַ קורצער צייט וועט באר שבע זיין אונטער אידישער ממשלה?

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם איינציקן רעסטאָראַן אין שטאָט צו עסן מיטאָג, וואָס איז פון פריער פאַר אונז באַשטעלט געוואָרן. אין דעם

רעסטאָראַן האָבן מיר באַגעגנט אונזער באַקאַנטן חבר אברהם דיקענשטיין פון „אַמפּאַל", טאַקע אַ דאַנק אים און דורך דעם „אַמפּאַל" איז דאָס מעגלעך געוואָרן צו לייגן די גרויסע רערן אין נגב. דער „אַמפּאַל" וואָס אָפּערירט מיט דעם געלט פון די שערס און באָנדס וואָס ווערן פאַרקויפט אין אַמעריקע, קויפט איין אַזעלכע מאַטעריאַלן פאַר דער ישראל רעגירונג, פאַר דער הסתדרות. אַזוי, אַז די וואָס אינוועסטירן אין „אַמפּאַל" העלפן אין אַ גרויסער מאָס כאָטש אומדירעקט צו בויען און אַנטוויקלען דאָס לאַנד.

דאָס עסן אין רעסטאָראַן איז ניט געווען זייער אנגענעם. די דעלעגאַטן האָבן אָבער ניט פאַרגעסן וואו זיי געפינען זיך, אַז דאָס איז אין נגב, ווייט אַוועק פון אידישע שטעט און דערפער.

מיר זיינען געווען העכסט צופרידן אַריינצושטייגן צוריק אין די באַסעס און פאָרן קיין תל־אביב.

גבעת ברענער

ווי איך האָב אייך דערציילט פריער זיינען מיר פון באר שבע געפאָרן צו־ריק און ניט ווייטער אין נגב, כאָטש עס איז גערעדט געווען, אַז מיר זאָלן אפשר פאָרן ביז אילת. דער פּלאַן איז געביטן געוואָרן, ווייל אונזער גרופּע איז געווען מיד פון דער רייזע און אַחוץ דעם האָבן מיר נאָך באַדאַרפט באַזוכן גבעת ברענער איידער מיר קערן זיך צוריק קיין תל אביב.

זיינען מיר אַלזאָ געפאָרן צוריק מיט דעם זעלבן וועג און נאָך אַלץ גערעדט וועגן דעם וואָס מיר האָבן געזען און געהערט אין נגבה. מיר האָבן געטראַכט וועגן דער שווערער אַרבעט וואָס זיי האָבן צוריק אויפצובויען זייער ווירטשאַפט וואָס די שונאים האָבן צושטערט. שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם טרויער וואָס יעדער פון זיי פילט וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אַוועקגעבן אַזוי פיל יונגע לעבנס כדי דער נגב זאָל בלייבן אין אידישע הענט.

קוקנדיק אויף די גרויסע פלאַכע שטרעקעס לאַנד וואָס ציט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, קען מען זען די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, וואָס אָט די שטרעקעס לאַנד האָבן און עס ווערט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער ישוב האָט אַזוי האַרטנעקיג געקעמפט פּאָליטיש און מיליטעריש פאַר דעם באַזיץ פון נגב. ווייל די ארץ ישראל'דיקע האָבן גוט געוואוסט און וויסן איצט, אַז די שטרעקעס לאַנד פון נגב קענען געמאַכט ווערן פרוכטבאַר און אַז טויזנ־טער אידן קענען דאָרט באַזעצט ווערן, — ווען וואַסער וועט געבראַכט ווערן און אידישע אַרבעטער וועלן די פעלדער באַאַרבעטן.

עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל, די זון האָט געהאַלטן אין פאַר־גיין. אונזערע באַסעס זיינען נאָך אַלץ געפאָרן אויף דעם שמאָלן שאָסיי. אַ קיל ווינטעלע האָט גענומען אַריינבלאָזן דורך די אָפענע פענסטער און איז געווען אַ ווילקאָמענער גאַסט פאַר אונז, מידע און פאַרמאַטערטע נאָך אַ זייער הייסן טאָג.

די וויסטענישן פון נגב זיינען שוין לאַנג געווען אונטער אונז. דאָ און דאָרטן האָבן זיך שוין באַוויזן אַ פּאָר בוימעלעך און סימנים פון אַראַבישע דערפער, צעשטערטע און אויפגעריסענע און אַזוי ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין גבעת ברענער.

וועגן גבעת ברענער האָבן אַ סך פון אונזערע דעלעגאַטן געהערט פריער.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז איינער פון די גרעסטע קיבוצים אין לאַנד און אַז זיי האָבן אַ גוטע ווירטשאַפט, אָבער דאָס וואָס מיר האָבן אין דער ווירקלעכקייט געזען, האָט איבערגעשטיגן אונזערע דערוואַרטונגען. גבעת ברענער ציילט איצט איבער טויזנט נפשות. זיי האָבן אַ ווירטשאַפט פון אַגריקולטור, גרינסן, קי, עופות און אַ גרויסע פאַבריק פון פּרעזערוון. זיי „קענען", קאָנסערווירן אַלערליי פּרוכטן; זיי אַרבעטן אויס „דזשעליס" און „דזשעמס". אַחוץ דעם געפינט זיך אין גבעת ברענער אַ „קאָנוואַלעסענט"-הויז פאַר שוואַכע מענטשן וואָס דאַרפן זיך אָפּרוען און קומען צו זייערע כחות. אָט דאָס הויז האָט שיין־איינגעאָרדנטע צימערן מיט באַלקאָנען וואָס קוקן אַרויס צו אַ זייער שיינער לאַנדשאַפט פון בוימער, גראָז און בלומען. דאָס הויז איז אונטער דער פּערזענלעכער אויפזיכט פון פרוי לאה בערלין — אַ שוועסטער פון פאַרשטאָרבענעם הרב בערלין — די דאָזיקע פרוי איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט צווישן דעם פּראָגרעסיוון ישוב, ווייל זי האָט פּראַקטיש געווידמעט איר גאַנצן לעבן צו דער אַרבעט.

אונזער דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן פון דער פרוי און אַנדערע חברים פון גבעת ברענער. זיי האָבן אונז דערפרישט מיט אַ טרונק און צובייסן און ווי געוויינלעך אונז באַגריסט אין נאָמען פון דעם גאַנצן קיבוץ גבעת ברענער.

איידער אָבער מיר האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ האָבן זיי אונז איינגעלאַדן צו באַזוכן דאָס סירענע־הויז, וואָס איז ניט לאַנג אויפגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון חיים סירענע, אומגעבראַכט פון די נאַציס אין דער צייט פון קריג. חיים סירענע שטאַמט פון זייער אַ פּראָמינענטער פאַמיליע פון איטאַליע. זיין פאָטער איז געווען אַ באַרימטער מעדיקער און איז געווען דער לייבלעכער דאָקטאָר פון קעניג עמאַנועל'ן. חיים, זיין זון, האָט זיך אין זיינע סטודענטישע יאָרן פאַראינטערעסירט מיט דער חלוצ'ישער באַוועגונג און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. חיים סירענע איז געווען אַ מיטגליד פון גבעת ברענער. ער איז אַ פּאָר מאָל געווען אין אַמעריקע אין די אינטערעסן פון חלוציזם און דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין.

ווען מען האָט זיך אין ארץ־ישראל דערוואוסט וואָס היטלער און די נאַציס האָבן געטאָן צו די אידן, האָט חיים סירענע באַשלאָסן אין געהיים צוצוקומען צו די פּלעצער און זען צי מען קען ניט ראַטעווען כאָטש אַ הייפעלע

פון זיי. ער האָט דעריבער פּאַראַשוטירט אין סאַמע גיהנום פון די נאַציס און איז פון זיי אומגעבראַכט געוואָרן.

די חברים פון גבעת ברענער האָבן דעריבער באַשלאָסן אויפצו־שטעלן אַ הויז אויף זיין נאָמען וואָס איז איצט פּאַרטיק און הייסט דאָס סירענע־הויז. אָט אין דעם הויז וואו עס געפינט זיך אַ גוט־איינגעאָרדנטע ביבליאָטעק און לעזע־צימערן איז גראָד די וואָך געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע אויס־שטעלונג.

צו באַשרייבן אַלץ וואָס דאָרט איז אויסגעשטעלט געוואָרן וואָלט פאַר־נומען צו פיל זייטלעך פּאַפּיר. איך וויל דעריבער אין קורצן זאָגן, אַז די אויסשטעלונג איז אין גאַנצן געמאַכט געוואָרן דורך דער איניציאַטיווע פון גבעת ברענער און פאַרפאַרטיקט פון זיי אַליין. אויף די ווענט זיינען געווען אויסגעהאַנגען פאַרשידענע טאַבעלן מיט ציפערן און דאַטן, ערשטנס פון יעדן מיטגליד פון זייער אייגענעם קיבוץ, מענער, פרויען און קינדער, זייער על־טער, פון וואַנען זיי שטאַמען א. א. וו. אַלע פון זייער אייגענעם קיבוץ וואָס זיי־נען אומגעקומען אין צייט פון קריג, פון וואַנען זיי שטאַמען, זייער עלטער, א. א. וו. און ניט נאָר טאַבעלן און ציפערן פון זייער אייגענער באַפעלקערונג נאָר אויך פון גאַנצן ישוב אַזוי, אַז איינער שטודירנדיק אַלע טאַבעלן און ציפערן האָט געקענט האָבן אַ גוטן באַגריף וועגן דער באַפעלקערונג פון גאַנצן לאַנד. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די חברים פון גבעת ברענער איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און מיר זיינען צוריקגעקומען אויף אונזער „קוואַרטיר" אין בית ספר אין תל־אָביב נאָך שפּעט אין אָוונט.

אויפנאַמע ביים עקטינג פּרעזידענט
פון ישראל — יוסף שפּרינצאַק

ווי איר ווייסט שוין פון מיינע פאַריקע בריוו, האָט זיך אונזער דעלעגאַציע גערופן „די הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע קיין ישראל", און זי איז באמת געווען אַ פאָלקס־דעלעגאַציע, ווייל אין איר זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע שיכטן, מיטגלידער פון כמעט אַלע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען טעטיק אין די געווערקשאַפטן קאַמפּיינס אין אַמעריקע. עס זיינען געווען מיטגלידער פון יו־ניאָנס, פּועלי ציון, לאַנדסמאַנשאַפטן, פּיאָנערן פרויען, אַרבעטער־רינג, נאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און יחידים וואָס זיינען פאַר יאָרן־לאַנג טעטיק אין דער הסתדרות באַוועגונג.

צווישן אונז איז געווען אַ דעלעגאַט פון דער שיקאַגאָ׳ער גרופּע, וואָס איז ד״ר חיים וויצמאַנ׳ס אַ לאַנדסמאַן. זיין נאָמען איז טשאַרלס האָלצמאַן. ער

עקטינג־פּרעזידענט יוסף שפּרינצאַק קומט אָן אין הקיריה צו מקבל־פּנים־זיין די ערשטע הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע.

איז געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן שטעטעלע, מאָטעלע, ווי דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. נו, האָבן די מאָטעלער לאַנדסלייט פון שיקאַגאָ באַשלאָסן צו שיקן זייער באַרימטן לאַנדסמאַן אַ מתנה דורך זייער דעלעגאַט אין דער פאָלקס־דעלעגאַציע וואָס איז, ווי געזאָגט, אויך געבוירן געוואָרן אין מאָטעלע.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן (און ווען זיינען די פרימאָרגנס אין דער צייט ניט שיין אין ישראל?) האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין באָסעס און מיר זיינען געפאָרן צו דער הקריה, צו דעם „ווייסן הויז" פונם פּרעזידענט פון ישראל. אָבער אַזוי ווי דער פּרעזידענט, דר. חיים ווייצמאַן, איז ניט געווען אין לאַנד צוליב דעם וואָס ער האָט געמוזט פאָרן אין דער שווייץ צו קורירן זיינע אויגן,

אַריינגייענדיק צו דער פייערלעכער אויפנאַמע ביים עקטינג־פּרעזידענט פון מדינת ישראל אין דער הקריה.

האָט דעריבער יוסף שפּרינצאַק, פאָרזיצער פון כנסת און במקום פּרעזידענט, אויפגענומען די דעלעגאַציע און דעם לאַנדסמאַן פון מאָטעלע.

מיר האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין אַ גרויסן צימער פון דעם הויז פון פּרעזידענט און געוואַרט אויף דעם עקטינג־פּרעזידענט יוסף שפּרינצאַק.

דערווייל האָט מען אונז פאָרגעשטעלט דר. ווייצמאַנ'ס שוועסטער, וועלכע לעבט אין ישראל אַ לאַנגע צייט. זי האָט פאַר אונז געהאַלטן אַ קורצע רעדע און אונז געגעבן אַ האַרציקן שלום. זי האָט אויסגעדריקט איר גרויס צו־

אויפנאַמע ביים מלוכה־פּרעזידענט פון ישראל. עקטינג־פּרעזידענט יוסף שפּרינצאַק באַ־גריסט די מיטגלידער פון דער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין דער הקריה־רעזידענץ פון פּרעזידענט. זיצנדיק: חיה ליכטענשטיין, די שוועסטער פון דר. חיים ווייצמאַן.

פרידנקייט וואָס זי האָט די געלעגנהייט צו באַגעגנען אַ פאָלקס־דעלעגאַציע און עסקנים פון דער הסתדרות באַוועגונג אין אַמעריקע. — איך באַטראַכט די אַרבעט פון דער הסתדרות אין לאַנד, — האָט זי געזאָגט — אַלס דעם גרעסטן בייטראַג צו דער בויאונג פון דער מדינה, און ווען איר וועט צוריקקומען קיין אַמעריקע, דערציילט וועגן אונזער פּראָגרעס און גרויסן אויפטו. זאָלן וואָס מער אידן קומען צו אונז זיך באַזעצן: מיר דאַרפן זייער אַרבעט און הילף. אָבער נאָך איידער זי האָט געענדיקט איז אַריינגעקומען שפּרינצאַק און מיר אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם שרייב־טיש, וואו ער איז געזעסן. אונזער מנהיג און סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע, חבר פייגענבוים, האָט דערציילט דעם חבר שפּרינצאַק צוליב וואָס מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט; אַז מיר זיינען געקומען באַגריסן דעם פּרעזידענט פון מדינת ישראל אין דעם נאָמען פון די אַמעריקאַנער אידישע פאָלקס־מאַסן, און איבערגעבן אַ מתנה פון די מאָ־טעלער לאַנדסלייט פון שיקאַגאָ צו זייער באַליבטן לאַנדסמאַן. שפּרינצאַק האָט צוערשט באַגריסט די דעלעגאַציע און אויסגעדריקט באַדויערן וואָס ער האָט דאָס נישט געקענט טאָן ווען די דעלעגאַציע האָט באַזוכט די כנסת. נאָכדעם ווי דער מאָטעלער לאַנדסמאַן האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער און אויסגעדריקט זיין גליק וואָס ער האָט די זכיה צו זיין דעם ערשטן פּרע־

זידענט׳ס אַ לאַנדסמאַן און זיין צווישן דער דעלעגאַציע אין ישראל, האָט ער פּרעזענטירט אַ גאָלדענעם טאָוול פון די מאָטעלער לאַנדסלייט צו זייער באַרימטן לאַנדסמאַן, דר. חיים ווייצמאַן. שפּרינצאַק האָט די מתנה גענומען און צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס איבערגעבן צו דר. ווייצמאַן, ווען ער וועט זיך אומקערן קיין ישראל אַ געזונטער. ער האָט אויך געזאָגט, אַז מאָטעלע — אָט דאָס קליינע אידישע שטעטעלע — איז דורך איר באַרימטן זון באַוואוסט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. יעדער איינער וואָס ווייסט עפּעס וועגן דעם בייטראַג פון דר. ווייצמאַן צום ציוניזם און צו דער אידישער באַפרייאונג, ווייסט וועגן מאָטעלע. איר מעגט שטאָלץ זיין מיט אייער גרויסן לאַנדסמאַן, האָט ער פאַרענדיקט. עס איז אויך מיר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער אין נאָמען פון אונזער דעלעגאַציע. עס איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט און עס האָט ביי מיר, ווי ביי אַנדערע, פּשוט אויסגעפּעלט ווערטער אויסצודריקן די געפילן פון אַזאַ איבערלעבעניש. אַלץ וואָס איך האָב געקענט זאָגן איז, אַז מיר אַלע שטייען איצט ביי דער פאַרווירקלעכונג פון אַ לאַנג־אויסגעווייינטן און אויסגעבענקטן חלום פון דורות. די וואָס האָבן דאָס דערלעבט, האָבן אַ גרויסע זכיה, און אַז מיר וועלן אַלעמאָל געדענקען די אַלע מאַרטירער און הייליקע וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, אַז דאָס זאָל מעגלעך ווערן.

ביים אַרייַנגאַנג אין דעם פּרעזידענט׳ס פּאַלאַץ אין הקיריה מיט דעם עקטינג־פּרעזידענט פון ישראל, יוסף שפּרינצאַק און זיין פרוי; די שוועסטער פון פּרעזידענט ווייצמאַן, חיה ליכטענשטיין; גרשון און שושנה לעווינסאָן, פון דער הסתדרות, א. אנד.

ביי גאָלדע מאירסאָן

אַ באַזוך ביי גאָלדע מייערסאָן, מיניסטער פון אַרבעט. כאָטש אַ סך פון אונז האָבן שוין געהאַט באַגעגנט גאָלדע׳ן ביי דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, פונדעסטוועגן האָבן אַלע געוואָלט נאָכאַמאָל איר זען און זיין מיט איר ביי אַ געלעגנהייט, וואו מיר זאָלן קענען הערן וואָס זי האָט צו זאָגן וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד אין ישראל. גאָלדע׳ן קענען אַלע דורך אירע אָפטע באַזוכן אין אַמעריקע. און ווער נאָר עס האָט זי אַמאָל באַגעגנט און געשטאַנען איינמאָל נאָענט צו איר און געהערט אירע אויפריכטיקע רייד, דער וויל זי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַגעגענען. כמעט אַלע פון אונזער דעלעגאַציע האָבן זי עטלעכע מאָל באַגעגנט אין אַמעריקע, ווען זי איז געקומען אין די אינטערעסן פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין און שפּעטער פאַרן יונייטעד דזשויש אַפּיל. און ווען אונזער סעקרעטאַר פייגענבוים האָט געמאָלדן, אַז מיר וועלן נאָכאַמאָל גיין אין דער הקריה צו באַגעגענען גאָלדע׳ן, איז ביי אונז געווען אַ גרויסע שמחה.

גאָלדע מאירסאָן

און אַזוי, אין אַ נאָכמיטאָג, זיינען מיר נאָכאַמאָל אַריינגעפאָרן אין דעם טויער פון דער הקריה, וואו צוויי שומרים פון דער צבא הגנה לישראל שטייען און היטן, אַז עס זאָלן זיך אַהין ניט אַריינכאַפּן קיין אומגעוווּנשטע, און

מיר זיינען צוגעקומען צו דער געביידע וואָס ווערט פאַרנומען פון איר מיניסטעריום.

עס איז שווער איבערצוגעבן די פרייד פון אַלע דעלעגאַטן, ווען מיר זיינען געווען אין אירע „אָפיסעס" און נאָכאַמאָל געזען איר פריידיק פּנים — אַ פּנים וואָס דריקט אויס ניט נאָר פרייד, נאָר פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט. זי, אַ דערצויגענע אין אַמעריקע, אַ לערערין, האָט נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן דאָס וואָס זי האָט געפּרעדיגט, און ביז היינט

ביים אַריינגאַנג אין אַרבעטס־מיניסטעריום אין דער הקריה מיט גאָלדע מאירסאָן.

ניט אָפּגעטראָטן פון אירע פּרינציפּן צו בויען דאָס לאַנד נאָר אויף גערעכטע יסודות. זי האָט אונז אויפגענומען און זיך געפרייט מיט אונז ווי אַ מאַמע באַגעגנט אירע קינדער וואָס זי האָט שוין לאַנג ניט געזען. זי האָט זיך נאָכ־געפרעגט אויף יעדן פון דער באַוועגונג אין אַמעריקע, מיט וועלכן זי קומט אין קאָנטאַקט; און ווען זי האָט זיך צוקושט מיט אַ פּאָר באָסטאָנער חברים און חברות, האָט זי דערביי באַמערקט, אַז „צוויי טויזנט יאָר האָבן אידן גע־וואָרט אויף אַ קוש פון אַ אידישן מיניסטער".

די דעלעגאַציע האָט זיך ווירקלעך געפילט זייער היימיש מיט גאָלדע'ן און זי האָט געשטראַלט פון פרייד, וואָס זי קען זען אַלע די וואָס האָבן גע־אַרבעט אַזוי פיל יאָרן פאַר דער הסתדרות באַוועגונג דאָ, אין דער באַפריי־טער מדינה.

איר רעדע צו אונז איז געווען אַ האַרציקע, אָן פאָרמאַליטעטן. זי האָט אונז דערציילט פון די גרויסע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דער מלוכה, און האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק און דעם וואונש, אַז אַלע אידן,

גאָלדע מאירסאָן באַגריסט די געסט אין דעם אויפנאַמס־צימער אין אַרבעטס־מיניסטעריום.

סאי פון אַמעריקע און וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, זאָלן זיך דערהויבן צו דער הויך פון דעם היסטאָרישן מאָמענט צו פאַרפעסטיקן די מלוכה און, חלילה, ניט פאַרנאַכלעסיקן די געלעגנהייט, אויף וועלכער אידן האָבן געוואַרט צוויי טויזנט יאָר.

מיט אַ האַרציקן שלום און אַ סך ברכות האָבן מיר פאַרלאָזט גאָלדע׳ן אין דער הקיריה און זיך אומגעקערט אין בית־ספר.

בית בערל—בית פיינסטאון

מיט דעם בריוו, וואָס איך שרייב איצט, וויל איך פאַרענדיקן מיינע איינדרוקן פון ישראל. כאָטש איך וואָלט נאָך באַדאַרפט דערציילן וועגן אַ סך גאַנץ אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און פלעצער, וואָס מיר האָבן באַזוכט אויף אונזער רייזע איבער'ן לאַנד, גלויב איך אָבער קוים צי איך וועל האָבן גענוג צייט עס צו טאָן.

איז אין דעם בריוו וועל איך אייך בלויז איבערגעבן וועגן אונזער וויזיט אין דעם בית פיינסטאון אין כפר סבא, וועגן דער אויפנאַמע פון אונ־זער דעלעגאַציע אין בית בערל (אַ קאָלעדזש אויף דעם נאָמען פון בערל קאַצענעלסאָן), אַן אָוונט מיט די פאַרוואַלטער פון באַנק הפועלים און „אַמ־פאַל", און אחרון אחרון חביב — דעם פאַר־געזונט אָוונט אין בית ספר, וואו כמעט אַלע וויכטיקע הסתדרות פירער און מיניסטאָרן, מיט דעם פרעמיער מיניסטער דוד בן־גוריון בראש, זיינען געקומען אונז זאָגן להתראות.

און לאָמיר גיין כסדר: איר געדענקט דאָך געוויס, אַז איידער מיר זיי־נען אָפּגעפאָרן האָט איר אונז אָנגעזאָגט למען השם צוצופאָרן קיין כפר סבא צו דעם פיינסטאון הויז און זען דעם צימער אויף דעם נאָמען פון הערי קאַטץ ע"ה. איר האָט געוואָלט, אַז מיר, באַסטאָנער, זאָלן אָנקוקן דעם אָנ־דענק נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם חבר הערי קאַטץ, וועמען מיר האָבן אַזוי גוט געקענט און וואָס זיין פריצייטיקער טויט האָט ביי אונז אַרויסגערופן אַזוי פיל טרויער. נו, האָבן מיר די גאַנצע צייט פון אונזער זיין אין ישראל געזוכט אַ געלעגנהייט צוצופאָרן צו בית פיינסטאָון, זען דעם צימער אויף זיין נאָ־מען, און אַזוי ארום נאָכאַמאָל עהרן זיין אָנדענק. אָבער עס איז ניט אויס־געקומען צו זיין אין דער געגנט און דער באַזוך האָט געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף שפּעטער.

איצט, ווען מיר זיינען געפאָרן אין בית בערל, וואָס געפינט זיך טאַקע אויך אין כפר סבא, אָבער אין אַן אַנדער ווינקל, האָבן מיר געהאַט די גע־לעגנהייט צו באַזוכן דאָס פיינסטאָון הויז.

אָבער צוערשט, גלויב איך, איז ווערט צו דערציילן ווער פיינסטאָון איז געווען און וואָס פאַר אַ הויז דאָס איז, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

מאָריס פיינסטאָון איז געווען דער סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פון ניו יאָרק. ער, פונקט ווי זיין פאָרגענגער, מאַקס פיין, גרינדער פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין אין אַמעריקע, איז געווען אַ הייסער און איבערגעגעבענער אָנהענגער פון דער הסתדרות. ער האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט פאַר דער הסתדרות־באַוועגונג און ווען ער איז געשטאָרבן האָבן די הסתדרות חברים פון ארץ ישראל געזוכט צו שטעלן אַ מאָנומענט אין זיין אָנדענק, פונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן אין דעם נאָמען פון מאַקס פיין מיט דער עטאַבלירונג פון דער מאַקס פיין טעכנישער שולע אין תל־אביב.

בית פיינסטאָון איז אַ האָספּיטאַל, אַן אָפּטיילונג פון קופּת חולים. די פּאַציענטן זיינען אַלע שווער־פּאַראַליזירטע חולאים, אַזעלכע וואָס דאַרפן מערסטנס זיין אין בעט אָדער אַרומגעפירט ווערן אין וועגעלעך.ליידער זיי־נען איצט דאָ אַ סך אַזעלכע אין ישראל צוליב דעם אַראַבישן קריג. דעם האָספּיטאַל האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן בית־פיינסטאָון, צום אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פאַר דער הסתדרות.

אָט אין דעם האָספּיטאַל האָבן די באָסטאָנער חברים עטאַבלירט אַ צימער אויף דעם נאָמען פון הערי קאַטץ, וואו מען לערנט די פּאַציענטן, וואָס בעסערן זיך, צו נוצן זייערע הענט און טאָן געוויסע אַרבעטן. אין אַמעריקע רופט מען עס „אָקיופּיישאָנעל טעראַפּי" און דאָס ווערט באַנוצט אין זייער אַ סך וועטעראַנען־האָספּיטאַלס, וואו עס געפינען זיך די פּאַרוואונדעטע פון צווייטן קריג. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין דעם צימער, האָבן מיר געטראָפן אייניקע פּאַציענטן זיצן אין שטולן וואָס מען קען אַרומפירן און זיי האָבן געטאָן געוויסע אַרבעטן און געמאַכט איבונגען מיט זייערע הענט.

אין מיטן פון דעם גרויסן צימער, אויף דער וואַנט, הענגט אַ גרויס בילד פון דעם פאַרשטאָרבענעם הערי קאַטץ און אַ טאָוול, וואו עס איז אויפ־געשריבן, אַז דאָס איז אין אָנדענק פון די באָסטאָנער חברים און זיין פאַמיליע. דידאָזיקע אָפּטיילונג פון קופּת חולים אויף דעם נאָמען פון פיינסטאָון איז איצט זייער אַ נויטיקע אינסטיטוציע, און די באָסטאָנער האָבן, נאָך מיין מיינונג, ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקערן וועג ווי צו עהרן זייער פאַר־שטאָרבענעם חבר.

פאַרלאָזנדיק דעם בית פיינסטאָון, האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דעלעגאַציע, וועלכע האָט, אין דער צייט וואָס מיר, באָסטאָנער, האָבן זיך פאַרזאַמט אין דעם האָספּיטאַל, באַזוכט עפּעס אַן אַנדער פּונקט, און מיר זיינען אַלע געפאָרן צום בית־בערל.

בית בערל איז אַ יונגע אינסטיטוציע. בלויז אַ פּאָר יאָר זינט די הסתדרות האָט אויפגעבויט די שיינע געביידעס אין כפר סבא. און געבויט האָט זי בית בערל אין די קריטישסטע צייטן פון דעם ישוב, אין דער פּער־יאָדע פון 1946־47. בית בערל, אָדער בערל־קאָלעדזש, איז ניט קיין קאָ־לעדזש אין דעם זין און פאָרעם ווי ביי אונז אין אַמעריקע, נאָר, ווי איך פאַרשטיי, איז דאָס אַ העכערע שולע פאַר סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישער וויסנ־שאַפט. אין הערבסט 1947, ווען די יונאַיטעד ניישאָנס האָבן באַדאַרפט באַ־שטימען דעם גורל פון ארץ ישראל, איז צווישן דער גרויסער ארץ ישראל דעלעגאַציע וואָס זיינען דאָ געקומען בייצוואוינען די יו־ען זיצונגען, אויך געווען זלמן רובאַשאָוו, איצט זלמן שזר, דער בילדונגס־מיניסטער פון מדינת ישראל. שוין דאַן האָט אונז רובאַשאָוו דערציילט וועגן די פּלענער פאַר בית בערל, וואו זיי ווילן לערנען פעאיקע יונגעלייט פון דער הסתדרות סאָ־ציאָלע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן.

ארץ־ישראל, האָט ער דאַן געזאָגט, וועט פריער אָדער שפּעטער ווערן א אידישע מלוכה — א מלוכה דאַרף האָבן פעאיקע רעגירונגס־מענשן, דיפּלאָמאַטן א. א. וו. די הסתדרות און די אַרבעטער פּאַרטיי וועט בלי ספק זיין די פירנדיקע פּאַרטיי אין דער רעגירונג, פאָלגלעך דאַרפן מיר האָבן אַ קאָ־לעדזש צו טרעגירן און לערנען יונגעלייט און פרויען פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן לויט אונזער נוסח און לויט אונזער סאָציאַליסטישן באַגריף.

רובאַשאָוו האָט געזוכט דאָ אין אַמעריקע צו פאַראינטערעסירן אייניקע פערזאָנען, אַז זיי זאָלן סובסידירן געוויסע קאַטעדרעס פאַר די וויסנשאַפטן, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אים געלונגען. ווייניקסטנס, ווייס איך פון אַ פּאָר, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט דאָס צו טאָן.

מיט דעם אויסברוך פון אַראַבישן קריג אָבער האָט זיך די אַרבעט גע־מוזט אָפּשטעלן — ביז עס איז שטיל געוואָרן און דער קריג האָט אויפגעהערט. מיר זיינען דעריבער געווען אין ספק און ניט געוואוסט וואָס עס איז געוואָרן מיט דער אונטערנעמונג ביז מיר זיינען אַהין געקומען.

קיינער פון אונז האָט נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג ווי אַזוי דער בית־בערל זעט אויס און וואָס עס ווערט דאָרט געטאָן. מיר האָבן דעריבער אונזערע אויגן נישט געגלויבט, ווען אַרויסשטייגנדיק פון אונזערע באָסעס האָבן מיר דערזען אַ רייע איין־שטאָקיקע געביידעס אינמיטן פון פעלדער פון קאַלירפולע בלומען און גרינסן. קיינער וואָלט באמת ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ שולע אָדער אַ קאָלעדזש, ווייל „קעמפּוסעס" פון קאַלעדזשעס אָדער אוניווערזיטעטן, פאַרמאָגן ניט אַזאַ רייכע לאַנדשאַפט מיט אַזאַ אוצר פון בלומען. דורך געפלאַסטערטע סטעזשקעס וואָס פירן פון דעם שאָסיי צו די געביידעס, זיינען מיר אין שורות געגאַנגען און זיך גע'חידוש'ט און באַוואונדערט די שיינע אומגעבונג.

מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ גרויסן אודיטאָריום, וואו מיר האָבן זיך אויסגעזעצט און באַטראַכט די אינעווייניקסטע איינריכטונגען און די באַקוועמלעכקייטן פון דעם אודיטאָריום. מיניסטער זלמן שזר, וואָס בית בערל איז אים אַזוי צום האַרצן, האָט אָבער נישט געקענט זיין מיט אונז, כדי אונז צו דערציילן וועגן די פונקציעס און אויפגאַבן פון אָט דער אינסטיטוציע, ווייל דרינגנדע מלוכה־פּראָבלעמען האָבן דאַן פאַרנומען זיין צייט. אָבער זיין געהילף, חבר סאָראָקער, האָט אונז דערציילט וואָס זיי ווילן טאָן מיט דער אינסטיטוציע. אָט, זאָגט ער, האָבן מיר מיט אַ פּאָר טעג צוריק פאַרענדיקט אַ קורס וואָס מיר האָבן געגעבן צו 80 יונגע סטודענטן פון דעם ניו יאָרק אוניווערזיטעט, וואָס זיינען צו אונז געקומען און מיט אונז פאַרבראַכט פיר וואָכן צייט. מיר האָבן זיי באַקענט מיט אונזער לאַנד, מיט אונזערע אַנשוי־אונגען און פּראָבלעמען. מיר דערוואַרטן נעקסטן זומער צו האָבן אַ סך אַזעלכע גרופּן, וועלכע וועלן קומען אַהער לערנען און זיך באַקענען מיט אונזערע אידעאַלן און שטרעבונגען.

אָבער, האָט ער פאָרגעזעצט, אונזער אויפגאַבע איז ניט נאָר צו לערנען סטודענטן פון אויסלאַנד; אונזער הויפּט־צוועק איז צו לערנען אונזערע אייגענע צו קאָנען זיין פירער און קאָנען לערנען אַנדערע. די שוועריקייט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס עס איז ניט גרינג די ערשטע צייט דאָס אַליין צו פינאַנסירן, און מיר האָפן דעריבער, אַז אייניקע אַמעריקאַנער חברים, וואָס זיי איז נאָענט אונזער אידעאַל, זאָלן אונז באַהילפיק זיין מיט דעם, וואָס זיי וועלן עטאַבלירן קאַטעדרעס אויף זייערע נעמען.

נאָך דער קורצער רעדע פון חבר סאָראָקער, זיינען מיר אַלע אַרויס־געגאַנגען נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן די געביידעס און די לאַנדשאַפט אַרום. מיר האָבן אויך געזען די געביידעס וואָס ווערן אויפגעשטעלט אַלס ביב־ליאָטעק און וואָס ווערט פינאַנסירט פון די שייווערס פון דעטראָיט. שיין און פראַכטפול זיינען די געביידעס אין דער אומגעגנט פון בית בערל און עס איז ווירקלעך אַ שיינער און פאַסענדער מאָנומענט פאַר דעם גרויסן לערער און אידעאַליסט, בערל קאַצענעלסאָן.

אַ שמועס מיטן פינאַנס מיניסטער אליעזר קאַפּלאַן

אַין מיין לעצטן בריוו האָב איך באַשריבן וועגן אונזערע וויזיטן ביי די ישראל־מיניסטאָרן. וויל איך איצט דערציילן וועגן אונזער שמועס מיט אליעזר קאַפּלאַן, דעם פינאַנץ־מיניסטער פון ישראל. אויך צו אים זיינען מיר געגאַנגען אַ קליינע גרופּע, אומגע־פער אַרום אַ מנין דעלעגאַטן. אונ־זער אָפּגעשטימטע צייט אים צו זען איז געווען 12 בייטאָג, האָבן מיר באַשלאָסן די פּאָר פרימאָרגן־שעה'ן אויסצונוצן טאַקע אין דער הקיריה, אין דער ביוראָ פון עפנטלעכער אינפאָרמאַציע (אָפיס אָוו פּאָבליק רעליישאָנס). דער ממונה איבער דער עפנטלעכער אינפאָרמאַציע איז גרשון אַגראָנסקי, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער „פּאַלעסטיין פּאָסט". אין דער צייט ווען די ענג־לענדער זיינען געווען אין לאַנד און ספּעציעל בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, ווען אַזוי פיל אויסטראַליער און ענגלישע סאָלדאַטן זיינען געווען אין מיטל־מזרח, איז די „פּאַלעסטיין פּאָסט" געווען זייער אַן איינפלוסרייכע און פאַרשפּרייטע צייטונג. אפילו איצט, נאָכן אויפּרייס פון דער געביידע און דאָס אַרויסציען פון אַזוי פיל ענגליש־שפּרעכנדע, ווערט נאָך אויך די צייטונג געדרוקט און פאַרשפּרייט טעגלעך אין 15 טויזנט קאָפּיעס. פּאַר טו־ריסטן, אידן ווי קריסטן, וואָס קומען פון ענגליש־רעדנדיקע לענדער און קענען ניט קיין העברעאיש, איז איצט אויך די „פּאַלעסטיין פּאָסט" דער איינ־ציקער קוואַל פון נייעס און אינפאָרמאַציע. אָבער די ישראל־רעגירונג האָט משמעות געלאָזט אימיצן אַנדערש רעדאַקטירן די צייטונג און צוגענומען גרשון אַגראָנסקי'ן און אים געגעבן דעם אַמט פון עפנטלעכער אינפאָרמאַציע.


אליעזר קאַפּלאַן, פינאַנצמיניסטער פון ישראל

איך מיין, אַז עס איז דאָ ווערט צו באַמערקן, אַז מען זאָל ניט מיינען, אַז דער אַמט ווערט גענוצט אַלס צענזאָר, אַזוי ווי אַזעלכע אַמטן פלעגן באַנוצט ווערן אין די פאַשיסטישע לענדער: ניט צו אונטערדריקן נייעס איז דער אַמט און ביוראָ געשאַפן געוואָרן, סיידן אַז אַזאַ נייעס האָט צו טאָן מיט מיליטערישע סודות וואָס קען געבן אינפאָרמאַציע די שונאים פון ישראל.

לויט דער דערקלערונג פון אַגראָנסקי׳ן, איז זיין אויפגאַבע צו זען, אַז קאָרעספּאָנדענטן פון דער אויסלענדישער פּרעסע זאָלן אינפאָרמירט ווערן וועגן דעם וואָס עס גייט אָן אין לאַנד און אַז זיי זאָלן וויסן צו אונ־

גרשון אַגראָנסקי גיט אינפאָרמאַציע וועגן דער אַרבעט פון ישראל׳ס מיניסטעריומס.

טערשיידן פון קלאַנגען ביז אויטענטישע נייעס. עס איז זיין אַרבעט צו זען, אַז מען זאָל פון דאַנען ניט פירן קיין העצעס קעגן דער יונגער מדינה און אויב מעגלעך צו פאַרמיידן בייזע פאַרלוימדונגען און אָפּלייקענען פאַלשע נייעס. אַגראָנסקי, זייענדיק אַ צייטונגס־מענש, אַ וועטעראַן אין דער פּראָפעסיע, פאַרוואַלטעט די ביוראָ עפעקטיוו, אָבער ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער קריגט ניט קיין גרויסן בודזשעט גענוג אויף אָנצופירן מיט דער אַרבעט.

מיר האָבן מיט אים לאַנג גערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים, ביז עס איז געוואָרן צייט צו זען קאַפּלאַנ׳ען אין דער ביוראָ פון פינאַנץ־מיניס־טעריום. אונזער גרופּע האָט אויף אים געוואַרט אין דרויסן אויף די טרעפּ וואָס פירן אין דער געביידע און בעת מיר האָבן אויף אים געוואַרט האָט אַ

פאָטאָגראַפער, וואָס געפינט זיך אַלעמאָל אַרום אַזעלכע געביידעס, אַראָפּ־גענומען פון אונז בילדער. פונקט 12 אַזייגער, ווי עס איז געווען אָפּגעשטימט, איז קאַפּלאַן צוגעקומען און זיך מיט אונז האַרציק באַגריסט. אייניקע פון אונז האָט קאַפּלאַן באַגעגנט אין אַמעריקע און די אַנדערע זיינען פאַר אים פאָרגעשטעלט געוואָרן דורך פייגענבוים׳ען.

קאַפּלאַן האָט אויסגעזען זייער מיד, כמעט ערשעפּט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייב־טיש גרייט צו ענטפערן אויף פראַגן וואָס מיר וועלן שטעלן. די מערסטע פון אונזער גרופּע דעלעגאַטן אָבער האָבן געוואוסט די סיבה ווארום ער איז געווען אַזוי מיד און ערשעפּט: אינדערפרי האָבן מיר געלייענט אין די צייטונגען, אַז נעכטן אין אָוונט האָט ענדלעך די כנסת אָנגענומען דעם רעגירונגס־בודזשעט, וואָס איז דאָרט דיסקוטירט געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט.

אָבער אַזוי שנעל ווי אונזער גרופּע האָט אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגן איז די מידקייט פון זיין פּנים פאַרשוואונדן, און ער האָט די פראַגן פאַרענטפערט לעבעדיק, זאַכלעך און פאַרשטענדלעך פאַר די פרעגער.

„צי וואָלט ניט געווען בעסער פאַר דער מדינה, אַז דער ישראל־פונט זאָל דעוואַלואירט ווערן און זאָל קאָסטן ווייניקער ווי דער קורס פון



גרשון אַגראָנסקי, הויפּט־דירעקטאָר פון ישראל אינפאָרמאַציע אָפיס, באַגריסט חבר אַלעקסאַנדער שאפּיראָ אין דעם גאָרטן פון פרעמיער־מיניסטער בן־גוריון׳ס רעזידענץ.

דריי דאָלאַר?״ (דאַמאָלסט האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אַז ענגלאַנד וועט וואַרפן דעם קורס פון איר פונט פון 4 דאָלאַר ביז צו $2.80).

קאַפּלאַן האָט געענט־פערט, אַז עס איז בכלל שווער זיך אריינצולאָזן אין ענין פון וואַליוטע און וואָס, און פאַר וועמען עס איז בעסער, אַז עס זאָל זיין נידעריקער אָדער העכער. גלויבט מיר, האָט ער געזאָגט, וואַליו־טע איז אַזאַ פאַרפּלאָנ־טערטער ענין, אַז אפילו גרויסע עקספּערטן ווייסן מאַנכעס מאָל ניט ווי אַזוי די פראַגע צו לייזן. אָבער קלאָר דאַרף זיין איין זאַך: אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן טוריסטן וואָס קומען אַהער און באַזעצן זיך אין אַ נומער 5 האָטעל (די האָטעלן זיינען קלאַסיפי־צירט לויט דעם קלאַס

ביים אַריינגאַנג אין הויפּט־אָפיס פון פרעמ׳ער דוד בן־גוריון אין הקריה.

געסט וואָס קומען דאָרט. נומער 5 ווערט געגעבן צו בעסערע האָטעלן, וואו פאַרמעגלעכע מענטשן שטייען איין און די פרייזן זיינען פאַלגלעך העכער ווי פון אַ האָטעל וואָס האָט אַ נידעריקערע „רעיטינג״) און דאַרפן בייטן זייערע אַמעריקאַנער דאָלאַרן אויף אונזערע פונטן, קאָסט זיי טאַקע דער עסק גאַנץ טייער. אָבער צוליב דעם אַרונטערדריקן דעם ווערט פון פונט וואָלט געווען אַ גאַנץ שלעכטער צוג פאַר דער רעגירונג. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן

מענשן וואָס ברענגען אַהער געלט פאַר אינוועסטירונג, איז דאָס שוין אַן אַנדער עסק, און ער האָט אונז גלייך געזאָגט, אַז דאָס וואָס עס ווערט דערציילט, אַז די רעגירונג דערלאָזט ניט קיין פּריוואַטע קאַפּיטאַלן אין לאַנד, איז באָבע־מעשות. מיר זיינען געוואַלדיק פאַראינטערעסירט אין פּריוואַטע קאַפּיטאַלן, און פאַר אַזעלכע אינוועסטאָרן אַרבעטן מיר אויס גוטע קאָנדיציעס וואָס וועלן זיך פאַר זיי געוויס לוינען. אָבער מיר ווילן קלאָר מאַכן, אַז יעדער זאָל פאַר־שטיין, אַז אינוועסטמענט מיינט ניט נאָר אַ קראָם, קלייטל אָדער קאַפע־הויז, אָדער אַזעלכע וואָס ווילן אַריינברענגען פאַבריצירטע אַרטיקלען און זיי פאַרקויפן פאַר געשוואָלענע פרייזן. דאָס לאַנד נויטיקט זיך שטאַרק אין די פונדאַמענטאַלע שווערע אינדוסטריעס, וואָס מען רופט ביי אייך אין אַמעריקע „בייסיק אינדוסטריעס". פאַר אַזעלכע אינוועסטמענטס און קאַפּיטאַלן מאַכן מיר די נויטיקע אַראַנדזשמענטס און קאָנצעסיעס, אַז דאָס זאָל זיי לוינען.

קאַפּלאַן האָט גערעדט וועגן פאַרשיידענע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און וועגן מאַטעריאַלן וואָס ישראל דאַרף אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד, וואו מען דאַרף צאָלן מיט דאָלאַרן אָדער אַנדערע אויסלענדישע געלטער. ער האָט אויך אָנגעדייטעט, אַז ישראל איז דערווייל נישט בכח צו פינאַנסירן אַלע אונטערנעמונגען, וואָס די יונגע מדינה דאַרף האָבן פלוס די גרויסע אַרמייען וואָס זי מוז אויסהאַלטן, און זאָל נאָך קענען באַשפּייזן די טויזנטער נייע עולים, וואָס שטראָמען טעגלעך אַריין אין לאַנד. די אַמעריקאַנער אידן דאַרפן דאָס טאָן מיט אונז בשותפות. אַליין איז דאָס פאַר אונז אוממעגלעך.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער און אים געוואונשן געזונט און אַ סך גליק, און מיר האָבן פאַרלאָזן די חקריה, פילנ־דיק, אַז מיר האָבן פאַרבראַכט אין דער אָנוועזנהייט פון איינעם פון די זיילן פון דער ישראל־רעגירונג און געקראָגן אַ סך זייער וויכטיקע אינפאָרמאַציע.

בנק הפועלים

די באַנק „הפועלים" און „אַמפּאַל", זיינען צוויי זייער וויכטיקע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות. די באַנק הפועלים איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר 1920, און דער צוועק צו גרינדן אַן אייגענע באַנק איז געווען צו העלפן די אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוון און די פאַרשידענע קיבוצים, פינאַנסירן זייערע אונטערנעמונגען, און אין אַלגעמיין העלפן די טראַנזאַקציעס פון אַלע הסתדרות אינוועסטירונגען. דער אָנפאַנג איז געווען זייער אַ באַשיידענער, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן. אין אַמעריקע זיינען מיט אַ צייט צוריק פאַרקויפט געוואָרן שערס פון דער באַנק, וואָס טראָגן אַריין די קויפער, „שער־האָלדערס", אַרום פיר פּראָצענט. ווי ווייט איך קען געדענקען האָט די באַנק אַלעמאָל געצאָלט דעם פּראָצענט אויף די שערס אין צייט, אַזוי אַז די וואָס באַזיצן די שערס האָבן אַ גאַנץ גוטן אינוועסטמענט.

די באַנק הפועלים איז איצט אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנץ גרויסער באַנק אינסטיטוציע. זי האָט אַן אייגענע געביידע און טוט גאָר גרויסע געשעפטן. אַחוץ דעם האָט זי אַן אָפּטיילונג פאַר קלענערע אנלייהען, וואָס גיט אַ געלעגנהייט קליינע האַנטווערקער צו באַקומען קלענערע סומען פאַר זייערע ווערקשטאַטן.

ביי דער אויפנאַמע פון בנק הפועלים אין קלוב וויצאָ אין תל־אביב. פון לינקס צו רעכטס: אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ (שטייענדיק), דר. ה. סיידעל, א. זאבארסקי, אברהם דיקענשטיין, דר. נ. זאַלצמאַן, ישראל מערעמינסקי און י. פייגענבוים.

אויסער דעם נעמט די באַנק אַ גרויסן אַנטייל אין דער אַמעריקאַנער טריידינג קאָארפּערײשאַן „אַמפּאַל״. „אַמפּאַל״ איז אַ באַדייטנדיקע טריידינג קאָמפּאַניע און טוט גאָר גרויסע געשעפטן, טאַקע מיט דער הסתדרות און מיט דער רעגירונג פון ישראל.

„אַמפּאַל״ קויפט־איין פאַר ישראל אַלערליי מאַטעריאַלן, פון עסנוואַרג ביז „פּייפּס״, טראַקס און טראַקטאָרס, ווי אויך פאַרשיידענע אַנדערע אַרטיקלען פאַר מזומן אָדער פאַר קרעדיט. די באַשטעלונגען פון „אַמפּאַל״ פאַר ישראל זיינען באַדייטנדיקע און, פאַרשטייט זיך, אַז „אַמפּאַל״ שיקט די אַרטיקלען קיין ישראל אויף קרעדיט אויף געוויסע טערמינען, וואָס דאָס העלפט דער ישראל־רעגירונג אין דער איצטיקער צייט זייער אַ סך.

וואו נעמט דער „אַמפּאַל״ די נויטיקע קאַפּיטאַלן אַנצופירן אַזעלכע גרויסע געשעפטן? דער ענטפער איז דורך פאַרקויפן שערס און באָנדס. „אַמפּאַל״ אַפּעלירט צו אַלע אידישע פאָלקס־מאַסן, מיטעלע און גרעסערע געשעפטסלייט צו קויפן שערס און באָנדס, וועלכע טראָגן אַריין פון 3 ביז 4 פּראָצענט דיווידענד. „אַמפּאַל״ פאַרמאָגט שוין איצט אַ קאַפּיטאַל פון איבער דריי מיליאָן דאָלאַר פון שערס און באָנדס, וואָס איז די לעצטע יאָרן פאַרקויפט געוואָרן, און מיט דעם קאַפּיטאַל טוט דער „אַמפּאַל״, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער באַנק הפּועלים, זייער אַ סך פאַר דעם אויפבוי און קאָמערץ פון ישראל.

דער פאַרוואַלטער פון „אַמפּאַל״ אין אַמעריקע איז אברהם דיקענשטיין, און ווי איך האָב שוין געשריבן אין איינעם פון מיינע פריערדיקע בריוו, האָבן מיר אים באַגעגנט אין באר שבע, וואו ער איז געקומען אין די אינטערעסן פון דער באַוואַסערונג אונטערנעמונג, וואָס ווערט איצט דורכגעפירט אין נגב.

חבר דיקענשטיין און דער פאַרוואַלטער פון באַנק הפּועלים האָבן שטאַרק געוואָלט זיך דורכריידן עפּנטלעך מיט דער אַמעריקאַנער פאָלקס דעלעגאַציע וועגן דעם „אַמפּאַל״ און וואָס ער טוט מיט די אינוועסטירטע געלטער פון די אַמעריקאַנער אידן.

זיי האָבן דעריבער אַראַנזשירט אַן אָוונט אין דער קאַפע „וויצאָ״. וואָס געפינט זיך ביים ברעג ים, איינע פון די פיינסטע קאַפעען אין תל אביב. נאָכדעם ווי מיר זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם עסן אָוונט־ברויט (סאַפּער), האָט חבר בראָדני, דער דירעקטאָר פון דער באַנק, באַגריסט די דע־

לעגאַטן און זיי דערציילט וועגן דער באַנק און וועגן די אָפּעראַציעס וואָס די באַנק פירט דורך.

חבר דיקענשטיין, וועלכער קען כמעט יעדן פון דער גרויסער דעלעגאַציע האָט זיך געפּרייט צו זען אַלעמען אין אַ באַפּרייט אידיש לאַנד. אָט, האָט ער געזאָגט, בין איך דאָ בלויז אַ קורצע צייט, און שוין האָב איך מיט זיך פאַר איבער זיבן מיליאָן דאָלאַר באַשטעלונגען. גלויבט מיר, האָט ער פאָרגעזעצט, אַז די אַלע אָרדערס זיינען זייער נויטיק פאַר דעם לאַנד, זיי זיינען פאַר בוי־מאַטעריאַלן, וואַסער־רערן (פּייפּס), מאַשינעריע א. אז. וו. אָבער מיר וואָלטן געדאַרפט האָבן גרעסערע קאַפּיטאַלן, כדי דאָס אַלץ צו קענען דורכפירן.

חבר דיקענשטיין מיינט, אַז דער בעסטער און זיכערסטער וועג פאַר אידן, וואָס קענען אַליין אין לאַנד ניט פאָרן און האָבן ניט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן, אָבער וואָלטן וועלן אין דער זעלבער צייט העלפן דעם אויפבוי פון ישראל, איז צו אינוועסטירן אין „אַמפּאַל". דאָס געלט איז געזיכערט און מען קריגט פון דריי ביז פיר פּראָצענט דיווידענד.

מערסטע דעלעגאַטן זיינען געווען העכסט צופרידן צו הערן וועגן די אָפּעראַציעס פון „אַמפּאַל", האָבן באַדאַנקט פאַר דער פריינטלעכער אויפנאַמע און פאַרזיכערט דעם חבר דיקענשטיין, אַז זיי וועלן העלפן דער אַקציע פון „אַמפּאַל" מיט וואָס נאָר מעגלעך.

דער פֿאַר־געזונט אָוונט אין בית־ספר
לפעילי ההסתדרות

איך בין זיכער, אַז די 23 טעג, וואָס אונזערע דעלעגאַטן האָבן פֿאַרבראַכט אין מדינת ישראל, וועלן פֿאַרבלייבן אין זייער זכרון אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן קענען געדענקען און טראַכטן. דאָס איז אַזאַ איבערלעבעניש וואָס טרעפֿט זעלטן אין מענשנ׳ס לעבן, און ניט יעדער איז דערצו זוכה.

דורך די 23 טעג האָבן מיר דורכגעשפּאַנט דאָס אידישע לאַנד אין דער לענג און ברייט. מיר האָבן געזען דעם גרויסן פּראָגרעס וואָס דער ישוב האָט געמאַכט אין אַזאַ פֿאַרהעלטנסמעסיק קורצער צייט. מיר האָבן באַזוכט די פּלעצער, וואו אונזערע העלדישע קעמפֿער האָבן אָפּגעהאַלטן די גרויסע נצחונות איבער די אידישע שונאים און זיי פֿאַרטריבן פֿון לאַנד. מיר האָבן באַאָבאַכטעט די גרויסע ליכט, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אין דעם אידישן אַלט־ניי לאַנד. מיר האָבן אויך געזען נויט, קעמפּס פֿול מיט טויזנטער ליידנדע אידן, שטרעקעס לאַנד וואָס בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי באַאַרבעטן און פֿרוכטבאַר מאַכן. מיר האָבן מיט גרויס עהרע און רעספּעקט געקוקט אויף אַלע פֿירנדע חברים אין ישראל, וואָס האָבן מיט אַזוי פֿיל ליבע און איבערגעבנקייט געטריי געאַרבעט און געדינט דעם ישוב, און איצט די מלוכה. מיר האָבן באַוואונדערט זייער מוט און אויסדויער, און געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ פֿאַר די קרבנות זייערע, די טייערע און ליבסטע וואָס זיי האָבן אַוועק־

ביים געזעגענונגס־אָוונט פֿאַר דער הסתדרות־דעלעגאַציע אין בית־ספר. עס רעדט דוד רמז, קאָמוניקאַציע־מיניסטער פֿון ישראל

געגעבן פאַר זייער אידעאַל — פאַר דער אידישער מלוכה. און וויסנדיק ווי פאַרנומען יעדער פון זיי איז, ווי זיי אַרבעטן טאָג און נאַכט, איז פאַרשטענד־לעך געווען אונזער גרויסע איבערראַשונג ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַזאַ גרופּע פון נאָטאַבלען קומען זיך מיט אונז געזעגענען און אונז זאָגן „פאַר־געזונט".

אָט הערט אומיסנע ווער עס איז געווען ביים אָוונט: ישראל מערע־מינסקי, יוסף שפּרינצאַק, גאָלדע מייערסאָן, אבא חושי, יוסף באַראַץ, דוד רמז, דן פינעס, גרשון לעווינסאָן, פנחס לוביאַניקער, זשאַמע אַראַנאָוויטש, דוד ווערטהיים, דר. בערל פרימער, יהודית שמחונית, פנחס גינגאָלד, מלך ניי־שטאַט, קאָפּל שוואַרץ און — דער פרעמיער־מיניסטער פון מדינת ישראל אַליין, דוד בן־גוריון.



ביים געזעגענונגס־אָוונט אין בית־ספר מיט די פירער פון דער רעגירונג און דער הסתדרות. אַלע הערן זיך צו זייער אויפמערקזאַם צו דעם אַרטיסטישן פּראָגראַם.

די געזעגענונגס פאַרזאַמלונג אין בית ספר

די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן אַרום 8 אַזייגער אין אָוונט אין דעם גרויסן עס־צימער פון בית הספר. לאַנגע ווייס־געדעקטע טישן זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן און אַרום זיי זיינען געזעסן די חשוב׳ע געסט און מיר אַלע פון דער דעלעגאַציע.

אברהם לעווינסאָן, דער לייטער פון הסתדרות קולטור דעפּאַרטמענט און מיטרעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט", איז געווען פאָרזיצער.

ער האָט גערופן צום וואָרט אייניקע פון די חשוב׳ע געסט. (איך זאָג גערופן צום וואָרט, ווייל אין ישראל מאַכן זיי ניט די צערעמאָניעס פון פאָר־שטעלן אַ רעדנער און דערציילן זיין לעבנס־ביאָגראַפיע וואָס פאַרנעמט מער צייט ווי די גאַנצע רעדע פון דעם פאָרגעשטעלטן).

עס וואָלט געווען אוממעגלעך אין מיין בריוו איבערצוגעבן דאָס וואָס די רעדנער האָבן געזאָגט, עס וואָלט פאַרנומען צופיל בלעטלעך און אַ סך צייט, אָבער אַמווייניקסטנס עטלעכע פון דער פאַרבנרייכער גרופּע מוז איך ציטירן, ווייל וואָס זיי האָבן געזאָגט איז אַזוי וויכטיק און אינטערעסאַנט, אַז איר און אונזערע אַנדערע חברים און פריינט דאַרפן דאָס וויסן.

א. לעווינסאָן, הויפּט־דירעקטאָר פון דעם הסתדרות קולטור־דעפּאַרטמענט:

„ליבע חברים פון חוץ לארץ,

איך וויל קודם־כל אייך האַרציק באַגריסן און זיך האַרציק מיט אייך געזעגענען און איך וויל אייך ברענגען די האַרציקע ברכות אין נאָמען פון גאַנצן ישוב, פון אַרבעטנדיקן ישראל, פון דער מדינה, פון דעפּאַרטמענט וועלכן איך רעפּרעזענטיר — דעם קולטור־דעפּאַרטמענט פון דער הסתדרות, אין נאָמען פון אַלע אידן וואָס פרייען זיך מיט אייער קומען. איך בין זיכער, אַז איר וועט נאָכאַמאָל צו אונז קומען, צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט ניט. פאַראַן אַזאַ מין כוח אין ישראל, וואָס פאַר׳סם׳ט אַלע געסט און צווינגט זיי צוריקצוקומען.

א. לעווינסאָן

איך וויל זיך קודם אַנטשולדיקן פאַר איין זאַך. אַלס פאָרשטייער פון קולטור־דעפּאַרטמענט, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו לערנען העברעאיש, וואָלט איך געדאַרפט רעדן העברעאיש, נישט אידיש. איך רעד אָבער אידיש צוליב צוויי טעמים: ערשטנס ווייל איר פאָרט דאָך צוריק און איר בלייבט נישט דאָ; צווייטנס, רעדן העברעאיש וואָלט געווען אַן אַגרעסיווער אַקט לגבי די, וועלכע פאַרשטייען נאָר אידיש, און מיר זיינען דאָך אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג וואָס האָט פיינט יעדע מין

אַגרעסיע. דער אונטערשייד צווישן העברעאיש און אידיש אין גלות איז דער, וואָס די יוגנט פאַרשטייט שוין נישט אידיש און פאַרשטייט נאָך נישט העברעאיש.

אונזער דעפּאַרטמענט פאַרנעמט זיך מיט דריי ענינים: בילדונג, אויפ־קלערונג און קונסט. היינט ווילן מיר אייך ווייזן וואָס מיר האָבן דערגרייכט אויפן געביט פון קונסט. מיר האָבן דאָ חברים פון שטעט און דערפער, פון מושבות, קיבוצים און קבוצות, וועלכע האָבן ליב מוזיק, און וועמענס צוועק איז צו פאַרשפּרייטן כאָראַל־געזאַנג איבערן גאַנצן לאַנד, לערנען זינגען קינ־דער און דערוואַקסנע, איינגעזעסענע בירגער און נייע עולים. און איך וויל אייך זאָגן, אַז דער כאָראַל־געזאַנג ביי אידן איז נישט אַזאַ פּשוטע זאַך. ס׳איז שווער פאַר אידן צו זינגען צוזאַמען אין איין טאַקט. און טראָצדעם האָבן מיר דאָ אַ פיינעם כאָר און נאָך דערצו אַ פיינעם דיריגענט.

יוסף שפּרינצאַק, עקטינג־פּרעזידענט און פאָרזיצער פון כנסת:

יוסף שפּרינצאַק, פּרעזידענט פון כנסת

„אונזער אַרבעטס־פּלאַן פון דער הסתדרות איז גרויס. מיר מוזן גע־דענקען אונזערע 200 טויזנט חברים און טראַכטן צו אַבסאָרבירן נייע 200 טויזנט חברים. די הסתדרות וועט פאַלן אויב זי וועט זיך ניט דאגה׳נען וועגן אירע אייגענע אינ־טערעסן. איך בין צופרידן, אַז עס איז מיר געגעבן געוואָרן די מעג־לעכקייט צו טיילן זיך מיט אייך מיט מיינע געדאַנקען. דאָס לאַנד איז שיין און דער חלום איז אַ חלום וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיר מוזן זיך אָבער באַמיען, אַז דער חלום זאָל זיך פאַרציען נאָך 5—10 יאָר. ניטאָ קיין אַנדער ברירה. און מיין חוב איז אַריינצולייגן אין אייערע וואַליזן אַביסל שוועריקייטן. איר מוזט אַרבעטן אַ ביסל מער פאַר אונזערע טעטיקייטן, פאַר דער באַוועגונג און יוגנט־באַוועגונג. איך מיין נישט בלויז געלט, נאָר לעבנס־אינהאַלט, ציוניסטישער אינהאַלט. חברים! איך ווינטש אייך, אַז אונזערע שווערע דאגות זאָלן נישט פאַר־

ביים פייערלעכן געזעגענונגס־אָוונט פאַר דער ערשטער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין בית ספר לפעילי ההסתדרות, צו וועלכער עס זיינען געקומען די פראָמינענטסטע פאָרשטייער פון דער רעגירונג און דער הסתדרות, צווישן אַנדערן: דער עקטינג־פרעזידענט פון מדינת ישראל, יוסף שפּרינצאַק; דער פרעמיער פון ישראל, דוד בן־גוריון, וועלכער באַגריסט די פייערונג; גאָלדע מאירסאָן, אַרבעטס־מיניסטער; דוד רמז, קאָמוניקאַציע־מיניסטער; פּנחס לוביאַניקער, גענעראַל סעקרעטאַר פון דער הסתדרות; אברהם לעווינסאָן, הויפּט פון קולטור־דעפּאַרטמענט און פאָרזיצער פון דער פייערונג; ישראל מערעמינסקי, גרשון לעווינסאָן, אבא חושי, זשאַמיע אַראָנאָוויטש, מלך ניישטאַט, דר. קאָפּל שוואַרץ, דן פינס, ראובן בורשטיין, מ. גראַכאָווסקי או אַ צאָל פאָ־שטייער פון אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס וועלכע זיינען געקומען זיך באַטייליקן אין דעם יום־טוב.

קלענערן אייער התלהבות. פריער זייט איר נתפעל געוואָרן פון אַ זאַך, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. איצט ווערט איר נתפעל פון אַ זאַך, וואָס איז שוין געקומען אויף דער וועלט. אויב מיר וועלן נישט געבן קיין אַרבעט און קיין דירה דעם זעלנער, וועלכער דאַרף ווערן באַפרייט אין צוויי וואָכן אַרום פון מיליטער און ווייס נישט וואָס ווייטער צו טאָן, דאַן וועט אונזער מדינה פאַרלוירן גיין. אויב דער מענש וועט פאַלן אויף שדרות ראָטשילד, וועט עס קיין גוטס דער מדינה נישט ברענגען. און מיר מוזן זיך אָוועקזעצן צוזאַמען אויף אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ, ספּעציעל געווידמעט דערצו, און אויס־אַרבעטן אַ פּלאַן פאַר פינף יאָר, כדי מיר זאָלן קענען זאָגן, אַז פינף יאָר האָבן מיר געאַרבעט. אונזער מדינה וועט אין פינף יאָר אַרום נאָך האָבן גענוג צרות, אינערלעכע און אויסערלעכע. מיר וועלן אָבער זאָגן אין פינף יאָר אַרום, אַז מיר האָבן אַן אויסגעפּלאַסטערטן וועג פאַר טויזנטער אַמעריקאַנער חלוצים, אַז מיר האָבן געטראַכט וועגן זייער לעבנס־סטאַנדאַרד און זיי וועלן וויסן ווי אַזוי צו העכערן דעם דאָזיקן לעבנס סטאַנדאַרד. דאָס וועט זיין די סאַטיספאַקציע פאַר אונזער אַרבעט. דאָס איז דער געדאַנק פון דעם הסתדרות קאַמפּיין. און איך ווינש אייך צו זיין נאָך לאַנגע יאָרן שותפים און חברים אין דער דאָזיקער אַרבעט״.

דוד בן־גוריון, פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל :


דוד בן־גוריון, פּרעמיער פון ישראל

„חברים! ס׳איז פאַראַן אַ תענוג און האַרציקע פרייד אין אַ באַגייטן צוזאַמענטרעף מיט חברים, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן פאַר צען, צוואַנציק, דרייסיק יאָר צוריק אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. ס׳איז פאַראַן אַ שמחה אין דעם צוזאַמענטרעף דאָ ביי אונז. און איך שטעל זיך פאָר אייער געפיל, ווען איר פאַרלאָזט דאָס לאַנד. יעדער איינער פון אייך, וועלכער איז געווען טעטיק יאָרן־לאַנג פאַר דער זאַך,

צו וועלכער מיר זיינען איצט זוכה געווען, האָט זיכער אַ טיף אינערלעכן געפיל, אַז ס׳איז כדאי געווען צו אַרבעטן. און איך וויל אייך נישט קלענער מאַכן די שמחה. אָבער די טיפע און אמת׳דיקע פרייד, צו וועלכער איר האָט די פולע רעכט און אויך מיר וואָס האָבן אַ שטיקל זכות דערצו — צו דער דאָזיקער פרייד וויל איך צוגעבן אַ זאַך, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיק. זי וועט אָבער זיכער פאַרקלענערן אייער פרייד.

„נאָך אַלע אונזערע דערגרייכונגען שטייען מיר נאָכאַמאָל פאַר דעם אָנהויב. מיר האָבן דערגרייכט אַ גרויסע זאַך: מיר האָבן דאָס לאַנד, מער אָדער ווייניקער, איז עס אונזערס. דאָס לאַנד — די ערד, די הימלען, דער ים — זיי זיינען אונזערס. עס פעלט אונז בלויז דער צווייטער פאַקטאָר, אָן וועלכן דאָס לאַנד אליין האָט ניט קיין גרויסע חשיבות — מיר זיינען דאָ אַן ערך ניין הונדערט טויזנט אידן; דאָס לאַנד דאַרף האָבן מער און קען אויפנעמען מער. מיר האָבן איינגענומען דאָס לאַנד פאַרן אידישן פאָלק. מיר שטייען איצט פאַר אַן אויפגאַבע, וואָס איז ניט אַ ווייניקער שווערע: איינעמען דאָס אידישע פאָלק פאַר דעם באַפרייטן און זעלבסטשטענדיקן לאַנד. און קען זיין אַז די זאַך איז ניט פיל לייכטער ווי דאָס איינעמען פון לאַנד. מיר פילן אָבער אין זיך דעם כוח אָנצוהויבן פון דאָסניי. מיר זעען מיט דער גאַנצער קלאָרקייט וואָס עס שטייט אונז פאַר, מיר ווייסן וואָס עס באַדייט אויפצונעמען הונדערטער טויזנטער און שפּעטער — דאָס איז אונזער טיפע איבערצייגונג — מיליאָנען אידן. דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך. מיר טרעטן אָבער צו צו דער נייער אַרבעט, וואָס איז אייגנטלעך ניט לגמרי ניי פאַר אונז, אָבער דער אָנהויב און די באַדינגונגען זיינען אינגאַנצן ניי — מיר טרעטן צו מיט דער זעלבער פרישקייט, מיטן יוגנטלעכן ברען, מיטן זעלבן גלויבן און מיט דער זעלבער נאַאיוויטעט, מיט וועלכער מיר זיינען צוגעגאַנגען פאַר יאָרן צוריק צו דער אַרבעט פון כבוש הארץ.

„אויך איר, אין אייער אַרבעט, וואָס איז געווען פול מיט ליבע און איבערגעבנקייט אין פאַרלויף פון יאָרן, האָט אייער חלק אין דעם גרויסן היסטאָרישן נצחון פון כבוש הארץ פאַר דעם אידישן פאָלק. און ווען איך זאָג „איר״, מיין איך נישט נאָר די חברים, וואָס געפינען זיך דאָ, אפילו ניט די חברים וואָס זיינען פאַראַן אין אַמעריקע. ווען איך זאָג, אַז איר האָט אַ חלק דערין, וואָס דאָס לאַנד איז אונזערס, מיין איך ניט בלויז איר און

אייער אַרבעט פאַרן קאַמפּיין. ניט בלויז איר, חברים פון דער פּאַרטיי, ניט בלויז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, די גרויסע מאַסן פון אידישן פאָלק, און ניט נאָר אין אַמעריקע, אידן פון רוסלאַנד אַמאָל, אידן וואָס זיינען פאַר־ברענט געוואָרן אין פּוילן און אין ליטע און פון אַלע אַנדערע לענדער — אַלע האָבן זיך באַטייליקט אינם גרויסן זיג וואָס מיר האָבן געהאַט אין ארץ־ישראל. איצט רופן מיר אייך און דורך אייער פאַרמיטלונג באַזונדערס די יוגנט אין אַמעריקע און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנישע אידנטום און דאָס אידנ־טום פון אַנדערע לענדער, צו העלפן אונז מיט דער זעלבער איבערגעבנקייט און געוויסנהאַפטיקייט אין דער דערפילונג פון דער גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע, וואָס די מדינה האָט גענומען אויף זיך: צו איבערפירן דאָס אי־דישע פאָלק אין דער אידישער מדינה. און מיינע טיפע און חברישע ברכה צו אייך איז: איר זאָלט האָבן די זכיה צו געפינען אין זיך דעם כוח אונז צו העלפן טראָגן דעם עול פון דער נייער און שווערער אויפגאַבע מיט דער זעלבער מסירת־נפש און ליבע ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט״.

דוד רמז, טראַנספּאָרטאַציע־מיניסטער פון ישראל:


דוד רמז, טראַנספּאָרטאַציע־מיניסטער פון ישראל

„צו מיין באַדויערן, האָב איך דורכגעלאָזט אַלע פריערדיקע געלעגנהייטן זיך צו טרעפן מיט די חברים פון דער דעלעגאַציע און איך וויל זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער לעצטער געלעגנ־הייט, כדי צו זאָגן אייך ׳שלום־עליכם׳ צוזאַמען מיט ׳צאתכם לשלום׳.

מיר פילן מער ווי מיר זיינען בכח אויסצודריקן — אַזוי איז עס געווען אַלע יאָרן און איצט נאָך מער ווי פריער — ווייל איר נעמט מיט זיך צוריק קיין אַמעריקע ניט קיין אוטאָפּיע, ניט קיין באַגער צו אַ מדינה; איר ברענגט מיט זיך אַ רעאַליטעט פון אַ אידישער מדינה. די אידישע מדינה איז

געקומען נאָך דער אויסראָטונג פון מיליאָנען אידן. און מיר דאַרפן אידישע קינדער. מיר דאַרפן די הילף פון די עלטערן און די עליה פון זייערע קינ־דער. מיט דער אויפשטעלונג פון דער מדינה איז קיין שום איד אין דער וועלט ניט פטור געוואָרן פון דער דאגה און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער אידישער גאולה, וואָס איז געוואָרן פאַרווירקלעכט. און איך וויל אייך זאָגן פאַר אייער אָפּפאָר, נאָכדעם ווי איר האָט געזען וואָס איר האָט געזען: ברידער, רופט זיך אָפּ ערנסט און קודם כל זאָל זיך יעדער פאַר זיך אַליין אָפּרופן, ווייל די אחריות פאַר דער ממשות׳דיקער אידישער מדינה איז גאָר אַן ערנסטער ענין".

פּנחס לוביאַניקער, גענעראַל־סעקרעטאַר פון הסתדרות



פּנחס לוביאַניקער, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער הסתדרות

„איך וויל זאָגן עטלעכע ווער־טער וועגן דעם הסתדרות קאַמ־פּיין. און איך וויל רעדן מיט אייך אָפנהאַרציק, ווי אַזוי מ׳דאַרף רעדן מיט חברים, אויב מען וויל, אַז זיי זאָלן אונדז פאַרשטיין. עס איז אמת, אַז עטלעכע חברים האָבן געמיינט, אַז מ׳דאַרף איצט פאַראייניקן דעם הסתדרות קאַמ־פּיין מיט דעם פאַראייניקטן אי־דישן אַפּיל. כ׳קען אָבער איצט זאָגן אָפיציעל און דעפיניטיוו, אַז דער וויכוח איז געענדיקט. מעגלעך, אַז אייניקע חברים אין אַמעריקע זיינען נישט צופרידן וואָס דער וויכוח האָט זיך געענדיקט. איך קען זיי גאָרניט העלפן. איך וויל, אָבער, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דער דאָזיקער וויכוח איז געענדיקט אין דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות און אויך אין סעקרעטאַריאַט פון דער מפא״י. דער וויכוח איז געענדיקט און מיר זיינען גע־קומען צום אויספיר, אַז מ׳דאַרף ווייטער פירן דעם הסתדרות קאַמפּיין, ווי אַ זעלבסטשטענדיקן. און ווער עס וועט פּרוּוון ממשיך צו זיין דעם דאָזיקן האָפּ־

נונגסלאָזן וויכוח, העלפט נישט דערמיט דעם קאַמפּיין, אָבער אַז ער וועט ברענגען שאָדן דעם קאַמפּיין, אין דעם איז ניטאָ קיין שום ספק.

און איך קען אייך זאָגן קלאָר פאַרוואָס עס זיינען געווען חברים, וואָס האָבן געטראַכט, אַז מען דאַרף איצט פאַראייניקןביידע קאַמפּיינען. די דאָזיקע חברים, וועגן וועלכע איך רעד, שטייען אונטער אַן אויסערגעוויינלעכן גרויסן דרוק פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זיי וויסן, אַז די מיטלען, וואָס וועלן שטיין צו זייער פאַרפיגונג, וועלן נישט קלעקן אַפילו טיילוויז צו דעקן זייערע באַדערפענישן".

ז. אראנאָוויטש, סעקרעטאַר פון מפא"י אין ישראל:

„ליבע חברים,

איר האָט פיל געזען אין לאַנד, איר האָט געזען וואָס ס'ווערט געטאָן פון דער רעגירונג, דער אידישער אַגענץ, דער הסתדרות. אָבער הינטער דעם אַלעם שטייט אַ טרייב־קראַפט וואָס ווירקט שוין צענדליקער יאָרן און איך האָף, אַז זי וועט ווייטער ווירקן — די מפא"י.

חבר דוד בן־גוריון האָט שוין היינט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אָנהויבן פונדאָסניי. דאָס הייסט, אַז מיר דאַרפן געבן דער דאָזיקער טרייב־קראַפט נייע, שטאַרקערע און גרעסערע מאָטאָרן. איך בין איינער פון די, וועלכע בענקען נאָך אַזאַ גרויסער, שטאַרקער טרייב־קראַפט אין אַמעריקאַנער אידנטום. מיר נויטיקן זיך היינט זייער שטאַרק אין אַ גרויסער באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס זאָל אַרבעטן מיט אונז צוזאַמען. מיר גלויבן אויך, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מעגלעכקייטן אין אַמעריקע. ווען איר וועט צוריקקומען דאַרפט איר זאָגן אייערע חברים, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע אין דער תקופה איז צו שאַפן אַזאַ פאַרטיי, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די פאָדערונגען פון דער שעה. די נאָענטסטע עטלעכע יאָר וועלן דעציידירן דעם גורל פון דער מדינה. שאַפט אין אַמעריקע די דאָזיקע גרויסע מאָטאָרן, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו געבן די טרייב־קראַפט און העלפן פאַרענדיקן די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן.

איך גלויב, אַז אייער באַזוך אין ישראל וועט האָבן אַן אָפּקלאַנג און

עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן אונזער חלום צו האָבן אין גרויסן אידישן קיבוץ אין אַמעריקע, דעם גרעסטן פאַרבליבענעם קיבוץ, אַ גרויסע, שטאַר־קע, פאַרצווייגטע באַוועגונג. איך גלויב, אַז אייער באַזוך און באַזוכן פון אַנדערע חברים וועלן העלפן רעאַליזירן די אויפגאַבע״.

י. באַראַץ, גרינדער פון דגניה און מיטגליד פון כנסת:

י. באַראַץ, גרינדער פון דגניה און מיטגליד פון כנסת

„דער מיניסטער פון קאָמוני־קאַציע, דוד רמז, האָט מיך דעם אָוונט דערמאָנט, אַז מיר האָבן זיך אַמאָל באַטייליקט אין אַ דע־לעגאַציע פון דער הסתדרות קיין אַמעריקע. דאָס איז געווען, דאַכט זיך, אין יאָר 1926, אין אַ צייט, ווען שליחים פון ארץ־ישראל זיינען נאָך געווען אין אַמעריקע יקר־המציאות׳ן און אַבסאָלוטע זעלטענהייטן. פון דעמאָלט ביז היינט האָבן זיך פיל זאַכן געענ־דערט. די קליידונג פון די שלי־חים האָט זיך געביטן. עס האָבן זיך געענדערט די נעמען פון די האָטעלן, עס זיינען געוואָרן אַנ־דערע אויך די זאַלן וואו מען טרעט אויף. עס האָט זיך גע־ענדערט אַ סך מער פון דעם. שוין בעת מיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם בערל קאַצענעלסאָן און מאַניע שוחט אין יאָר 1921, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט חברים, וואָס זיצן דאָ איצט מיט אונז אויף דעם דאָזיקן אָוונט. דער פאַרנעם איז אָבער דעמאָלט געווען גאָר אַן אַנדערער. אַלץ איז געווען אַנדערש. אין יענע טעג האָבן מיר באַטראַכט דעם פאַרקויף פון אַקציעס פון באַנק הפּועלים אויף אַ סומע פון 20 טויזנט

דאָלאַר פאַר אן אידעאַל. אַ צוזאַמענטרעף מיט וויכטיקע יוניאָן פירער איז געווען בכלל אַ פאַנטאַזיע. אויסער שלאָסבערג׳ן און פיינ׳ען האָט קיינער ניט געוואָלט מיט אונז רעדן. איך ווינש אונז אַלעמען, אַז אונזערע חברים זאָלן אין זיך איינזאַפּן ארץ ישראל און איר גייסט, אַזוי ווי ער. ווען איך האָב אים געבראַכט אין דגניה צום ברידער־קבר פון די וואָס זיינען געפאַלן אויפן פראָנט אין דעם באַפרייאונגס־קריג, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין קאָפּ און געזאָגט: יתגדל ויתקדש שמיה רבא.

איר האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז עס איז עפּעס געשען אין ארץ ישראל פון דעמאָלט ביז היינט. אויפן נאָמען פון בערל קאַצענעלסאָן, וואָס האָט אַריינגעלייגט אַזאַ געוואַלטיק גרויסע אַרבעט און האָט אַזוי פיל געליטן בשעת זיין ערשטן דעמאָלטדיקן באַזוך אין אַמעריקע, האָבן מיר אויפגעשטעלט דעם בית בערל, מיט וועלכן אויך איר קענט זיך גרויסן, ווייל איר האָט אַ חלק אין זיין אויפבוי. און אין דעם דאָזיקן הויז, אין דער שול פון הסתדרות־אַקטיוויסטן, אין וועלכן איר האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט איר געקענט זען די רעזולטאַטן פון אייער אַרבעט״.

יצחק פייגענבוים, סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע

טיילט אויס אין נאָמען פון ועד־הפועל און דעם הויפּט־אָפיס פון געווערקאַפטן־קאַמפיין אין אַמעריקע אַלס מתנה אַ ספּעציעלן בוך פאַר יעדן דעלעגאַט מיט דער צושריפט:

לח׳ — —

מזכרת מאת הועד־הפועל של ההסתדרות לחברי המשלחת העממית של פעילי מגבית ההסתדרות הכללית בארצות־הברית.

פ. לוביאניקר

תל־אביב, ו׳ אלול׳ תש״ט (1940. 8. 31.)

פון אונזער דעלעגאַציע האָבן גערעדט די חברים: ד״ר ב. פרימער, ד״ר ה. פאָמעראַנץ, ד״ר נ. זאַלצמאַן, און אויך איך אליין האָב געזאָגט עטלעכע ווערטער ביים גרויסן היסטאָרישן יום־טוב.

לוד

מיר געפינען זיך איצט אויף דעם לופט־פעלד אין לוד פאַרטיק אָפּצופליען פון ישראל, נאָכדעם ווי מיר האָבן דאָ פאַרבראַכט און אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד זינט מיר זיינען אַהערגעקומען, דעם 10טן אויגוסט.

ביים אַריינגאַנג אין ישראל׳ס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום וואו עס איז אונדז מקבל־פּנים דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער, דוד רמז.

אַלץ איז פאַרטיק פאַר דעם פלי. דער עראָפּלאַן פון דער טראַנסקאַריביען לופט־ליניע שטייט גרייט און מעכאַניקער זיינען זיך מיט אים מתעסק, אַז אַלץ זאָל זיין אין גוטער אָרדנונג און עס זאָל אַרבעטן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אונזערע דעלעגאַטן און דעלעגאַטקעס — די פּאַסאַזשירן פאַר דער רייזע — שטייען אויסגעשטעלט אין דער ריי פאַר די באַאַמטע וואָס קאָנטראָלירן די אַריינגעבראַכטע געלטער. די רעגירונג האַלט אָן אויג, אַז די אַריינגעבראַכטע געלטער זאָלן אויסגעביטן ווערן אין דער רעגירונג׳ס אויטאָריזירטע פּלעצער און לויט דעם ריכטיקן קורס, כדי צו פאַרמיידן אַ „שוואַרצע" בירזשע. אייניקע פון אונז, וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען די פּראָצעדור און זיך אָפּגעפאַרטיקט מיט דער קאָנטראָל, גייען־אַרום אויף דעם לופט־פעלד און באַטראַכטן די עראָפּלאַנען וואָס שטייען אויסגעשטעלט — עראָפּלאַנען פון פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס און לענדער, וואָס האָבן אַ רעכט אַהער צו קומען. מיר

זעען די אַמעריקאַנער טי־דאַבליו־עי, עיר פראַנס, בריטיש עיר וועיס און אַנדערע, אָבער די אויגן פון אונזערע דעלעגאַטן זיינען אַממערסטנס געווענדט אויף די עראָפּלאַנען פון ישראל. די בלויע שטרייפן און די ישראל־פאָן פילן אָן אונזערע הערצער מיט נחת און מיט פרייד. דערוויל פאַרקערן די ישראל עראָפּלאַנען צווישן לוד און איירָאָפּע, אָבער ניט קיין אַמעריקע איבער דעם אַטלאַנטיק. צו קענען פליען איבער דעם אַטלאַנטישן ים דאַרף מען האָבן די גאָר גרויסע עראָפּלאַנען, וואָס ישראל פאַרמאָגט זיי נאָך נישט.

דוד רמז, קאָמוניקאַציע־מיניסטער פון ישראל, נעמט אויף דער הסתדרות פאָלקס־דעלעגאַציע אין זיין אָפיס אין הקריה און גיט איבער איינצלהייטן ווי אַזוי עס אַרבעט זיין מיניסטעריום.

איז באַטראַכטנדיק אַזוי די ישראל־עראָפּלאַנען האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אייך נישט דערציילט וועגן אַ וויזיט וואָס מיר, אַ קליינע גרופּע פון אונזער דעלעגאַציע, האָבן געמאַכט ביים ישראל מיניסטער פון טראַנספּאָרטאַציע, דוד רמז. מיניסטער דוד רמז איז, ווי באַוואוסט, זייער אַ פאַרנומענער מענש. ער אַרבעט טאָג און נאַכט, ווייל אין זיין מיניסטעריום גייט אַריין די גאַנצע טראַנספּאָרטאַציע, ווי טעקסיס, אויטאָבוסן, באַנען, שיפן, עראָפּלאַנען א. אז. וו. האָט ער דעריבער קיין צייט ניט געהאַט אונז צו זען און אויפנעמען די גאַנצע דעלעגאַציע. ער האָט דאַרום געבעטן, אַז מיר זאָלן דעלעגירן אַ קלענערע גרופּע און כאַפּן מיט אים אַ שמועס.

זיינען מיר, איך גלויב, אַז אַרום אַכט פון אונז, אַריינגעקומען אין זיין צימער פון דעם טראַנספּאָרטאַציע־מיניסטעריום און זיך צוגעהערט וואָס

ער האָט צו זאָגן. קודם כל האָט ער אונז דערמאָנט וועגן זיינע באַזוכן אין אַמעריקע, ווען ער איז געקומען אין די אינטערעסן פון געווערקשאַפטן קאַמ־פיין. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע חברים, וועלכע ער האָט באַגעגנט אין דער צייט פון זיין שליחות אין אַמעריקע, און דערציילט ווי עס פלעגט אים אָפטמאָל אויסקומען צו רעדן בלויז פאַר אַ מנין מענשן. ער האָט אויס־געדריקט זיין פרייד וואָס אָט־די קליינע באַוועגונג, וואָס ער און זיינע חברים האָבן אָנגעהויבן אין אַמעריקע, איז איצט געוואָרן אַ גרויסע מאַסן־באַוועגונג. אָבער ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צו די פּראָבלעמען וואָס אים אינטערעסירן אַממערסטן — פּראָבלעמען פון זיין מיניסטעריום — טראַנספּאָרטאַציע. ער האָט גערעדט וועגן שיפן, ווי וויכטיק עס איז, אַז ישראל זאָל האָבן אַן אייגענעם האַנדלס־פלאָט, ווייל אַלע סחורות וואָס ישראל שיקט אַרויס און אַלץ וואָס זי ברענגט אַריין, איינגעשלאָסן פּאַסאַזשירן (עולים) און טוריסטן, ווערן איצט געפירט מערסטנס מיט שיפן פון אַנדערע לענדער. ווען ישראל אָבער זאָל האָבן גענוג אייגענע שיפן, וואָלט זי איינגעשפּאָרט אַ סך געלט און וואָלט פון דעם אַליין געקענט האָבן אַ גוטע הכנסה. אָבער, האָט ער פאַרגעזעצט, צו שאַפן אַזאַ פלאָטע איז פאַרבונדן מיט גרויסע קאַפּיטאַלן, אַחוץ וואָס דערצו דאַרף מען האָבן געשולטע מאַטראָזן, שיף־אַרבעטער און מענשן, וואָס זאָלן זיין גוט באַ־האַוונט אין נאַוויגאַציע.

אמת, אַ צאָל שיפן זיינען שוין איצט אין דינסט פון דער אידישער מדינה, אָבער דאָס, האָט ער געזאָגט, איז בלויז אַ קליינער אָנהויב. ער האָט

ג. לעווינסאָן, יוסף באַראַץ, ע. ברושי, פאָרשטייער פון קאָמוניאַקציע־מיניסטעריום׳ס צ׳ווי־ביים אָפּפאָרן פון לוד צוריק קיין אַמעריקע. אויפן בילד זעען מיר צווישן אַנדערע: לער לופט־קאָמישאָן — אורי מיכאלי; און הויפט־באַאמטער מיט דעם דירעקטאָר פון לודער עירפּאָרט — א. צור.

אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז עס וועלן קומען אידן מיט די נויטיקע קאַפּיטאַלן וואָס וועלן זיין גרייט צו אינוועסטירן אין אַזעלכע אונטערנעמונגען. עס וואָלט אפשר ניט שווער געווען, האָט ער געזאָגט, פאַר דער ישראל־רעגירונג צו קריגן גוי'שען קאַפּיטאַל פאַר שיף־ליניעס. אָבער, האָט ער אונטערגעשטראָכן, עס איז אַ סך זיכערער, אַז אַזאַ וויכטיקער פאַרקער־מיטל פאַר אַ מדינה ווי ישראל זאָל זיך געפינען אין אידישע הענט.

אָט, האָט ער געזאָגט, וואָלטן מיר זייער וועלן האָבן אַ דירעקטע לופט־ליניע לוד־ניו יאָרק. מיר דאַרפן דאָס זייער נויטיק האָבן צוליב אונזער פאַר־קער מיט די פאַראייניקטע שטאַטן און פאַר דער גרויסער צאָל טוריסטן, וואָס קומען שוין און וואָס וועלן אודאי קומען שפּעטער אין נאָך גרעסערע צאָלן. נו, דאַרף מען אָבער דערצו האָבן דריי גרויסע עראָפּלאַנען פונם „קאָנסטעליישאָן די 6" טייפּ. אום צו קענען האָבן אַ פאַרקער פון איינמאָל אַ וואָך אַהין און צו־ריק, דאַרף איינער פליען אַהין, דער צווייטער צוריק און איינער מוז אַלעמאָל זיין אין רעזערוו.

וויפיל אַ שטייגער קאָסט אַזאַ עראָפּלאַן? האָב איך אים געפרעגט. בלויז איין מיליאָן דאָלאַר, האָט ער שנעל געענטפערט. הייסט עס, אַז מען דאַרף דערצו האָבן דריי מיליאָן דאָלאַר, האָב איך ווייטער געפרעגט. יאָ, האָט ער געזאָגט. אָבער איר שאַפט דערווייל גענוג געלט פאַר איינעם, וועגן די אַנדערע

ביים איינשטייגן אין עראָפּלאַן אין לוד, דעם 1טן סעפּטעמבער, 1949.

צוויי ווען מיר שפּעטער זען, האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט. איך בין אַנט־שוויגן געוואָרן, און ביי זיך שטיל געטראַכט און געקלערט ווי אַזוי מען קען שאַפן דעם ערשטן מיליאָן דאָלאַר פאַר אַזאַ עראָפּלאַן.

אונזער טראַנספּאָרטאַציע־מיניסטער, דוד רמז, האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן פאַרשידענע פּלענער און אונטערנעמונגען, ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועגן, גרעסער מאַכן און בויען נייע ים־פּאָרטן, אויסברייטערן די קליינע אייזנבאַן א. אַז. וו. אָבער מיר האָט געבויערט איין מחשבה: פאַרוואָס טאַקע זאָלן רייכע אידן ניט אינוועסטירן די נויטיקע קאַפּיטאַלן, אַז עס זאָל מעגלעך זיין אַ די־רעקטע לופט־ליניע פון לוד קיין ניו־יאָרק?

ביים אָנקומען אויפן „איידלווײַלד עירפּאָרט“ אין ניו יאָרק, צוריק פון דעם ישראל הסתדרות־טור, שבת, דעם 3טן סעפּטעמבער, 1949.

די פרעסע אין ישראל וועגן דער דעלעגאַציע

דער שטאַרקער רושם, וועלכן די דעלעגאַציע האָט געמאַכט אין ישוב, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער טעגלעכער און פּעריאָדישער פּרעסע. יעדן טאָג האָבן די צייטונגען געגעבן גענויע באַריכטן פון די טעטיקייטן פון דער דעלעגאַציע און האָבן אויך עדיטאָריעל זיך אָפּגערופן אויפן אָנקומען און אַקטיוויטעטן פון די הסתדרות־טוער פון אַמעריקע.

אין טאָג פון אָנקום פון דער גרופּע האָט דער „דבר" געשריבן אין אַן עדיטאָריעל אונטערן קעפּל „ברוכים הבאים":

„די פאָלקס־דעלעגאַציע פון הסתדרות־טוער פון אַמעריקע איז זייער פאַרשיידנאַרטיק. עס געפינען זיך דאָרטן וועטעראַנען, וועלכע האָבן זיך גע־עלטערט אין דער אַרבעט, וועלכע שטייען שוין יאָרצענדליקער אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין אָרגאַניזאַציאָנעלן און דערציערישן לעבן פון דער באַוועגונג. פאַראַן דאָרט אויך יונגע פריינט, אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען צו דער באַוועגונג דורך אַן אינטערעס אין דעם חלוצישן אויפטו אין ישראל און זיינען דורך דעם אַקטיוו געוואָרן אין הסתדרות־קאַמפּיין. סיי די אַלטע, סיי די יונגע וועלן פיל געניסן פון זייער באַזוך אין לאַנד, אין די קבוצים און קבוצות, אין די קאָאָפּעראַטיוון, דורך צוזאַמענטרעפן זיך מיט די וועטעראַ־נען פון דער אַרבעט און מיט נייע עולים. זיי וועלן זען מיט זייערע אייגענע אויגן די יונגע מדינה, וואָס איז געבוירן געוואָרן און אַנטוויקלט זיך אין יסורים, דורך דער אָנשטרענגונג פון אירע זין און טעכטער פון דער גאַנצער וועלט".

אין „הפועל הצעיר" האָט געשריבן שלמה ליפּסקי וועגן באַזוך פון דער דעלעגאַציע אין קיבוץ תל־יוסף און עין־חרוד, אַז אין קאָנטראַסט צו אַנדערע דעלעגאַציעס האָבן די הסתדרות־טוער פון אַמעריקע געוואוסט ווי אַזוי אויסצונוצן זייער צייט.

„זיי זיינען דאָ געווען בלויז צוויי טעג. עס איז פאַר זיי איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שיינע אויפנאַמע; זיי האָבן באַזוכט די געגנט, האָבן אָנטייל גענו־מען אין אַן ערנסטער דיסקוסיע וועגן קיבוץ און בכלל וועגן דער קיבוצישער באַוועגונג. מיר האָבן געהאַט מיט זיי אַ געשפּרעך וועגן עליה פון אַמעריקע

און וועגן פינאַנציעלער הילף פון דאָרט. די צוויי טעג דאָ זיינען געווען טעג פון ערנסטע באַזוכן, שפּאַצירן, געשפּרעכן און דיסקוסיעס״.

אין ניו יאָרקער „טאָג״ האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון ישראל, דר. נתן עק, געשריבן וועגן איינדרוק אין דער ישראל־פּרעסע:

„די פאָלקס־דעלעגאַציע פונם הסתדרות־קאַמפּיין אין אַמעריקע, די איבער פופציק אַמעריקאַנער אידישע פאָלקס־מענטשן, פריינט און מיטאַר־בעטער פונם קאַמפּיין, וואָס האָבן באַזוכט מדינת ישראל אין דער צווייטער העלפט פון מאָנאַט אויגוסט, האָבן דאָ אין לאַנד געמאַכט אַ גרויסן רושם. ניין, ליבער לייענער, דאָ רעדט זיך איצט ניט וועגן רושם וואָס דאָס לאַנד האָט געמאַכט אויף זיי; וועגן דעם דערציילן זיי אַליין שוין איצט מן הסתם אין אַמעריקע. דאָ רעדט זיך טאַקע — מיר חזר׳ן איבער — וועגן דעם רושם וואָס זיי האָבן געמאַכט אויפן לאַנד. זיי האָבן געהאַט אַ וואונדערבאַרע „פּרע־סע״! יעדן טאָג האָט מען אין אַלע צייטונגען געקענט לייענען, למשל, אַזעל־כע נאָטיצן: ׳די אַמעריקאַנער אידישע פאָלקס־דעלעגאַציע איז היינט אין ירושלים און זי וועט לייגן אַ קראַנץ בלומען אויף הערצל׳ס קבר׳. אָדער: ׳די פאָלקס־דעלעגאַציע האָט מאָרגן אין אָוונט אַ פייערלעכע אויפנאַמע אין טבריה׳. אָדער: ׳מאָרגן און איבערמאָרגן באַזוכט די פאָלקס־דעלעגאַציע די לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן אין עמק׳, א. א. וו. די עפנטלעכקייט האָט זיך מיט איר די גאַנצע צייט אינטערעסירט.

די אַמעריקאַנער אידישע פאָלקס־דעלעגאַציע איז זיכער געווען ניט נאָר אַ גאַנץ פיינע טוריסטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע אונטערנעמונג, נאָר אַ סך מער ווי דאָס. זי איז דאָ באַטראַכט געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס באמת אַלס דאָס וואָס איר נאָמען האָט געזאָגט — אַלס די שליחים פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע אין אַמעריקע. ס׳קומט אַ פאַרדינטען יישר־כח די איניציאַ־טאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג״.

תיקון טעות

צוליב אַ פאַרזעען איז אַריינגעפאַלן אַ פּאָר פאַרדריסלעכע טעות'ן וועלכע מיר ווילן פּרובירן זיי דאָ אויסבעסערן; צוו. אנד.:

זייט 22 דאַרף זיך לייענען:

...„אַלע זענען שוין געווען וואַך, און פּרובירט דורך די קליינע פענסטער זוכן מיט די אויגן ערגעץ אַ סימן פון לאַנד ישראל.

אַלע זענען געווען אָנגעצויגן מיט אַ ציטער אין האַרצן פול מיט נייגעריקע דערוואַרטונגען. דערווייל אָבער האָט מען דורך די פענסטערלעך קיין זאַך ניט געזען, בלויז בערג מיט ווייסע וואָלקנס אין פאַרשידענע גראָטעסקע פאָרמען און אַ בלויען הימל אָן אַ שפּרינקעלע פון וואָלקן.

אָבער אָט האָט אַ שיין געטאָן די עלעקטרישע אויפשריפט, אַז מען זאָל זיך אַרומבינדן מיט די גאַרטלען — אַ סימן אַז באַלד וועט דער עראָפּלאַן אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד. די לופט־שיף האָט גראַדנווייז גענומען אַראָפּנידערן און האָט דורכגעבראָכן די וואָלקנס און עס האָט זיך גענומען ווייזן לאַנד — לאַנד פון ישראל! פּלוצלינג האָט איינער אויסגעשריגן! „ארץ! מיר זענען געקומען בשלום!" טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי אַ סך אין די אויגן.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר דערפילט, אַז מיר זענען אויף דער ערד, אויף דער ערד וואָס ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָבן די אידן דורך גרויסן העראָאיזם און אַ סך קרבנות אַרויסגעריסן פון די הענט פון די ענגלענדער און פון די אַראַבער"...

זייט 55 שורה 7 דאַרף זיך לייענען:

..."דאָס איז דערפאַר וואָס, ערשטנס, האָבן מיר טאַקע צופיל אַריינגענומען אין אַזאַ קורצער צייט און צווייטנס, דערפאַר וואָס איך האָב פּשוט נישט קיין כוח צום שרייבן, יעדע מינוט פון טאָג איז דאָ עפּעס אַנדערש;"...

עס איז אין בוך. אויך ניט געדרוקט געוואָרן דער אַרטיקל וועגן דעם לעצטן געזעגנונגס־אָוונט. אין דער קומענדיקער אויפלאַגע וועלן מיר די אַלע זאַכן אויסבעסערן.